ספר

# אור עולם

אין דיזען ספר ווערט דערציילט דאס
גרויסקייט פון הרב הצדיק הגאון
והקדוש ר׳ אורי מסטרעליסק זצ״ל וואס
איז געווען באקאנט אויף דער וועלט מיט
דעם נאמען „שרף״. פון זיין געבורענהייט
אן ביז זיין פטירה:

5

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

# אור עולם

## אין דיזע געשיכטע ווערט ערציילט וויא הרב הקדוש ר׳ אורי מסטרעליסק איז געבוירין געווארען וואס ער איז בעקאנט מיט דעם נאמען „שרף״:

אין דער שטאדט יאנוב האט געוואהנט איין מענטש מיט דעם נאמען ר׳ שמואל וואס ער איז געוועזין איין גרויסע בעל צדקה וואס עס איז ניט געוועזין קיין שום ארימאן וואס זאל ניט דורך גיין דורך דער שטאדט יאנוב ער זאל ניט עסין אין שלאפען בייא דעם ר׳ שמואל׳ן אין דער ר׳ שמואל איז געוועזין בעקאנט אין דעם גאנצען געגענד. מיט זיין חסידות אין צדקה. אין דער ר׳ שמואל האט געהאט איין איינציגען זוהן וואס איז נפטר געווארען בייא זיין פאטערס לעבען. אין דעם ר׳ שמואל׳ס זוהן האט נאך זיך איבער געלאזט איין קינד מיט דעם נאמען שרה. זעלבסט פערשטענדליך איז דאס קינד אויף געהאדעוועט געווארען בייא איהר זיידע ר׳ שמואל:

אויך אין דער שטאדט יאנוב האט דעמאלט געוואהנט איין יהודי זייער א שלעכטער מענטש. אין ער האט דעמאלט זייער פיהל צרות אהן געטוהן אללע מענטשען פון דער שטאדט יאנוב אין איבער דעם האבען איהם אללע מענטשען פון דער שטאדט יאנוב איהם זייער פיינד געהאט. אין האבען זיך פון איהם זייער דער וויטערד. אין וויא דער רשע האט איינמאהל דער זעהן דאס מיידיל רבקה איז זיא איהם זייער געפעלען אין ער האט זיא געוואלט בעמין פער איין ווייב, נאהר בעוויל ער האט געוויסט אז דער ר׳ שמואל וועט איהם ניט וועלען געמען פער זיין אייניקיל רבקה. האט ער זיך מיישב געוועזין אין ער איז געגאנגען צו דעם פריץ וואס ער האט געהאט צו שאפען איבער דער שטאדט אזוי וויא עס איז דעמאלט געוועזען וואס יעדער פריץ האט געהאט צו שאפען איבער דער שטאדט. אין ער האט געמעגט טוהן מיט דיא מענטשען פון דער שטאדט וואס ער האט נאהר געוואלט. אין דער רשע האט געזאגט

צו

צו דעם פריץ אזוי ווי ער האט זייער ליעב דעם פריץ און ווייל שטענדיג דעם פריץ'ס טובה כדי דיא יודען זאלען אפגעבען אללע פאדאודקיס דעם פריץ. און איבער דעם האבען איהם דיא יודען זייער פיינד און ווילען זיך ניט מיט איהם משדך זיין. און איבער דעם בעט ער דעם פריץ אז דער פריץ זאל זעהן אז דער ר' שמואל זאל איהם געבען זיין אייניקעל רבקה פער איין וויב:

וויא דער פריץ האט דאס דערהערט איז ער זייער בייז געוואהרען און האט פערשטאנען אז דעם רשע'ס רייד זענען אמת און האט תיכף געשיקט נאך דעם ר' שמואל'ן און האט בעפוילען אז ער זאל תיכף געבען זיין אייניקעל רבקה'ן צו דעם מסור פער איין וויב. און וויא דער ר' שמואל האט דאס דערהערט איז איהם זייער ניט גוט געוואהרען אויף דעם הארץ, און האט גיענטפערט דעם פריץ אדוני השר וואס דיא ווערסט מיך הייסען טוהן וועל איך טוהן און וויא פיהל געלד דיא ווערסט מיך הייסען געבען וועל איך דיר געבען. נאר וואס דיא פערלאנגסט פון מיר אז איך זאל געבען מיין אייניקעל רבקה צו אזוי איין מסור דאס קען איך ניט:

זעלבסט פערשטענדליך איז דער פריץ זייער בייז געוואהרען אויף דעם ר' שמואל'ן און האט איהם געהייסען שלאגען. און דעם פריץ'ס קנעכט האבען איהם אזוי פיהל געשלאגען ביז ער איז געפאלען אין חלשות. נאך דעם האבען זייא איהם אהיים געטראגען און ער איז גילעגען צו בעט עטליכע טעג און איז געשטארבען פון דעם שלאגען:

און אזוי וויא דער ר' שמואל איז געשטארבען און עס איז נאר איבער געבליבען דאס אייניקעל רבקה בילעך וויים האט רבקה אויף גיגעסין דאס גאנצע פערמעגען וואס איהר זיידע ר' שמואל האט איהר איבער געלאזט, און רבקה האט געמוזט ארבייטען זייער שווער אויף איהר שטיקעל ברויט, אבער צום בעדויערען האט זיך דער רשע דער מסור זיך נאך ניט געקילט וואס איבער איהם איז דער ר' שמואל געשטארבען און האט אלעס געזוכט מיטלען ווי אזוי רבקה'ן צו בעקומען:

איינמאהל איז ער געקומען צו רבקה'ן ביי נאכט און האט געוואלט צוברעכען די טיהר ווי רבקה איז געשלאפען, וועבער דאס מיידעל רבקה האט אנגעהויבען צו שרייען ביז עס איז זיך צוזאמען בעקומען פיהל מענטשען פון דער שטאדט ביז דער רשע איז פון דארט אנטלאפען

אַנטלאָפֿען, אָבער דער רשע איז תיכף צוריק געקומען און האָט געזאָגט
צו די מענטשען פֿון דער שטאָדט, נאָך דעם וואָס איך האָב
געטוהן אַלעס נאָר וואָס איך האָב געוואָלט שרייט זי נאָך הילף,
אָבער נאָך וואָס האָט זי דערפֿעהר נישט געשריגען. און ווי די צדיקת
רבקה האָט דאָס דערהערט ווי דער רשע האָט אויף איהר אַרויסגעלאָזט
אַ שם רע האָט זי זיך זייער געשעהמט, האָט זי זיך מיישב געווען און
האָט אויספערקויפֿט איהרע אַלע זאַכען און איז אַוועק געפֿאָהרען פֿון דער
שטאָדט און האָט זיך פֿערדינגען צו איין אַרענדאַר פֿאַר איין משרת:
דער אַרענדאַר איז געוועזען זייער אַ ירא שמים, און ווי ער האָט
געזעהן ווי די צדיקת רבקה פֿיהרט זיך אָרענטליך אויף איז איהם
זייער געפֿעלען, האָט ער זיך אויף געפּאַסט אַז ער זאָל זעהן ריבקה'ן
אַ טובה צו טוהן און ער זאָל זעהן פֿאַר אירעט וועגען אַ חתן און זאָל
אויסהאַלטען כל הצטרכות החתונה, און אַזוי ווי עס איז בעוויסט קומען
אין איין קרעטשמע בעלי עגלות ווען זיי פֿאָהרען פֿון איין שטאָדט אין
דער צווייטער, און אין דער קרעטשמע רוהען זיי זיך אָפּ און רוהען אָפּ
זייערע פֿערד. און די בעלי עגלות פֿלעגען דאָרט אין דער קרעטשמע
אָפּדאַווענען און אָפּעסען. און צווישען די בעלי עגלות וואָס פֿלעגען
קומען אין די קרעטשמע פֿלעגט דאָרט קומען איין יונגער בעלי עגלה מיט
דער נאָמען ר' פּנחס, דער בעל העגלה פּנחס חאָטשע ער איז נישט געוועזען
קיין בן תורה נאָר פֿונדעסטוועגען איז ער געווען זייער איין פֿרומער מאַן
וואָס ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פֿרומקייט קעגען די רעשט
בעלי עגלות, און דער אַרענדאַר האָט דאָס אַלעס געזעהן, האָט ער
אָנגעהויבען צו רעדען אַז פּנחס זאָל נעמען זיין דינסט רבקה פֿאַר איין
ווייב, און די חתן וכלה זענען איינגעגאַנגען אויף דעם און מען האָט
למזל תנאים געשריבען:

אָבער דער מסור וויא ער האָט געהערט אַז רבקה איז איין כלה
געוואָהרען איז ער תיכף געגאַנגען צוא דעם חתן אין האָט
אויס גערעדט אויף דיא צדיקת רבקה אַללעס נאָהר וואָס ער האָט געקענט
ריידין, אין בעוויל איבזער חתן פּנחס האָט געוואָלט איין אָרענדליך
ווייב איז ער תיכף געפֿאָהרען צו דעם אָרענדאַר אין האָט פֿער לזאָגט אַז
מען זאָל מיט איהם אָפּ לאָזין דעם שדוך, אין וויא דיא כלה האָט דאָס
געהערט האָט זיא זייער אָהן געהובען צוא וויינען, אין אַזוי וויא דער
חתן פּנחס האָט גערעדט מיט דעם אַרינדאַר וועגען אָפּ לאָזען דעם שדוך
איז

# אור עולם

איז אָהן געקומען אשליח און האָט געזאָגט אז אזו ווי דער רוז"י ר' בער ממעזריטש פאַהרט אדורך דורך אייער קרעשטשי וויל ער זין אפּיסעל אָפּ רוהען דאָ ביא אייך אין קרעטשמי:

**און** אזוי וויא דער אַרינדאַר האָט דער הערט אז דער רבי ר' בער קומט אָהן האָט מען תיכף אָהן געגרייט איין חדר וויא דער רבי ר' בער זאָל זיין בעוויל זיין נאָמען האָט שוין דעממאָלט גע'שמט אויף דער וועלט. האָט זיך דער חתן מיישב גיוועזען אז ער וועט דעם רבי'ן ר' בער אללעס דער ציילען, און אזוי וויא דער רבי ר' בער איז געקומען איז דער חתן פנחס צו איהם אריין געגאַנגען און האָט נאָך ניט געהאַט געשטעלט דיא פיס אויף דיא שוועל, האָט דער רבי ר' בער געזאָגט צוא דעם חתן פנחס דיא אלע רייד וואָס מען האָט דיר דער ציילט דאָס איז אלעס שקר זי איז איין כשר קינד און זי וועט מיט דיר האָבען כשרע קינדער:

**נאָך** דער חתונה האָט דיא צדיקת רבקה ניט געקאָנט וואָהנען מיט איהר מאַן פנחס בעוויל ער איז געוועזען איין פראָסטער מענטש האָט זיא זיך געוואָלט מיט איהם גט'ן. נאָהר בעוויל דיא חתונה איז גיוועזען דאָרך דעם רבי'ן ר' בער איז זיא יעצט אויך געפּאָהרען צוא דעם רבי'ן ר' בער ער זאָל איהר געבען איין עצה וואָס זיא זאָל טוהן, און אזוי וויא זיא איז געקומען צום רבי'ן ר' בער און האָט איהם אלעס דער ציילט. האָט דער רבי ר' בער איהר גיענטפער'ט אז זיא זאָל זיך מיט איהם ניט גט'ן בעוויל עס וועט פון זייא ארויס קומען זייער א טייער קינד וואָס ער וועט פעליכטען דיא וועלט מיט זיין תורה און חסידות וואָס עס וועט זיין צו איהם ניט זיין קיין גלייכין און זיין דור, און וויא דיא צדיקת רבקה האָט דאָס דער הערט איז זיא אהיים געפאָהרען און האָט זיך אָהן געהויבען צוא הייליגען מיט כל מיני קדושה וטהרה, און אזוי וויא זיא איז מעוברת געוואָהר'ן איז זיא ווייטער געפאָהרען צוא דעם רבי'ן ר' בער און אזוי וויא זיא איז אריין געקומען צוא דעם רבי'ן ר' בער האָט זיך דער רבי ר' בער פער איהר אויף גישטעלט און האָט זיא גיבענטש:

**און** דאַמאָלט איז גיוועזען ביא דעם רבי'ן ר' בער הרב מנעסכיז האָט דער רב מנעסכיז געפרעגט דעם רבי'ן ר' בער וויא קומט דאָס אז ער זאָל זיך אויף שטעלען פער איין אשה האָט דער רוז"י ר' בער איהם געענטפערט ניט פער איהר האָב איך מיך אויף גישטעלט נאָהר פער

פער

פער דעם קינד וואס זיא איז מיט איהם מעוברת האב איך מיך אויף געשטעלט וואס ער וועט פער לייכטען דיא גאנצע וועלט מיט זיין תורה אין חכמה, אין עס איז אזוי געוועזען אין זיא האט געהאט דעם היילינען צדיק וקדוש הרבי ר' אורי מסטרעליסק וואס דיא וועלט האט איהם גערופען מיט דעם נאמען „שרף״ וואס ער איז געוועזען גלייך צוא איין מלאך אלקים, זיין זכות זאל אינץ ביא שטיין מיר זאלען זוכה זיין צוא זיין לעבט במהרה בימינו אמן :

---

# אין דיזע געשיכטע ווערט ערציילט דאס געבוירען שאפט פון רבינו הקדוש ר' אורי מסטרעליסק זי"ע :

ווען דער היילינער רבי ר' אורי מסטריליסק האט אנגיהויבען צו זיינען אויף דער וועלט מיט זיין גרויסקייט, האט ער געזאגט פאר זיינע חסידים מיט דיזען לשון: אזוי וויא יעדען איז בעוויסט איז מיין פאטער געוועזען איין בעל עגלה נאכהער איז ער געווארען א שניידער אין האט געוואהנט אין אדארף, אין דיזען דארף האבען זיך נישט געפונען קיין מנין יודען מען זאל קאנען דאווינען בעזאמען, אין איך בין אין דיזען דארף געבורען געווארען, אין דאמאלס איז מיין פאטער געוועזען זייער ארים אין האט נישט געקאנט אהן גרייטען דאס מינדעסטי אויף דעם ברית. און א חוץ דעם האט ער נישט גיקריגען קיין מנין יודען וואס זאלען ארויס פאהרען אין דארף אריין אויף דעם ברית. און צוא דינגען מענטשען פאר געלד, אזוי וויא דאמאלס איז דער מנהג געוועזען ביא דיא דערפס לייט, איז ער נישט געוועזען בכוח, איז דאס זעלבסט פארשטענדליך אז מיין פאטער זי"ע האט דערפין געהאט גרויס עגמת נפש און ער האט זיך נישט געקאנט קיין שום עצה געבען :

ווען עס איז גיקומען דער טאג פין ברית איז מיין פאטער גיגאנגען אויף דעם וועג וואס גייט אין שטאדט אריין צוא זעהן אפשר וועט דארט אנפאהרען וועלכער יוד פון שטאדט וועט ער איהם בעטען

ער

ער זאָל מיט איהם ארויס גיין אין דאָרף אריין זיך מצרף זיין צוא מנין. אָבער ער איז אַזוי גישטאַנען עטליכע שעה און ער האָט נישט גיזעהן קיין שום יוד. עס איז שוין גיהאַט פערביאגיגאנגען א האלבער טאָג און ער האָט נאָך אלץ נישט גיהאַט קיין מנין. האָט מיין פאָטער זייער אָנגיהויבען צוא וויינען און בעטען ביא השי"ת אז ער זאָל איהם ציא שיקען עטליכע יודען כדי ער זאָל קאָנען מאכען דעם ברית:

אַזוי וויא ער שטייט אַזוי פארטראַכט אין זיין גיבעט. פולצינג פאָהרט אָהן אפיהר און זיא דערנענטערט זיך צוא איהם. ער האָט באַלד דערקענט אז דאָה פאָהרען יודען. און וויא דיא יודען האָבען גיזעהן אַז ער וויינט זייער זענען זייא צוא געפאָהרען נענטער צו איהם, און האָבען איהם גיפרעגט וואָס וויינסט דיא, האָט ער גיענטפערט, פאר וואָס זאָל איך נים וויינען אז עס איז מיר גיבוירען גיוואָהרען א זוהן און היינט דארף זיין דער ברית. אין ביא מיר אין דאָרף געפינגט זיך נישט קיין מנין יודען. אין איך שטייא שוין דאָה העכער אַהאַלבען טאָג און איך זעה נים קיין שום יוד דאָרך פאָהרען. און אַחוץ דעם אַלעם בין איך זייער אָרעם און האָב נישט דאָס מינדעסטע אָנגיגרייט אויף דעם ברית:

וויא דיזע מענטשען האָבען דאָס דער הערט, האָבען זייא ציא איהם גיזאָגט זאָרג נישט. מיר זענען מחותנים. מיר פאָהרען פון אחתונגה אין מיר האָבען מיט זיך לעקעך און בראָנפען און איינגימאַכטץ. און עס איז אויך דאָה צווישען אינז אַ רב מיט אַ חזן, מיר וועלען פאָהרען צוא דיר און דיא וועסט מאכען דעם ברית בשמחה אין מיט פיהל פרייד אין מיר וועלען מאכען אַ סעודה אַזוי וויא ביא דעם גרעסטען גביר:

נאָך דעם וויא דער הייליגער רבי ר' אורי מסטרעליסק האָט גיענדיגט דיזע מעשה האָט ער גיזאָגט ציא זיינע חסידים. איהר ווייסט אַז דער סנדק איז גיוועזען אברהם אבינו, דער רב איז גיווען משה רבינו, און דער חזן איז גיוועזען דוד המלך, אין מען האָט זייא אַראָב גישיקט פון הימעל. בעוויל השי"ת האָט דערזען מיין פאָטערס גיוויין. זי"ע ועכי"א:

# אין דיזע געשיכטע ווערט ערציילט דאס התנהגות פון רבינו הקדוש ר׳ אורי מסטרעליסק ווען ער איז נאך געוועזן איונגעל:

ווען דער הייליגער רבי ר׳ אורי מסטרעליסק איז נאָך גיוועזן אקליין יונגעל, איז ער אַמאָהל גיזעסען לעבען זיין פאָטער, ווען דער פאָטער איז גיוועזן באַשעטיגט בייא איין אַרבייט. פלוצלינג האָט דאָס קינד אָנגיהויבען צוא וויינען, האָט דער פאָטער איהם גיפרעגט נאָך וואָס וויינסט דיא, האָט ער גיענטפערט. איך וויין אויף גלות השכינה, האָט זיך דער פאָטער זייער פאַר וואונדערט אויף זיינע רייד און האָט גיזאָגט, איך זעה אַז דאָס קינד וועט זיין זייער אַ גרויסער געטליכער מאַן:

ווען דער רבי ר׳ אורי מסטרעליסק איז אַביסעל גרויס געוואָרען און מען האָט שוין געדאַרפען אַ מלמד פאַר זיינעט וועגען, און זיינע עלטערען האָבען דאָך געוואָהנט אין דאָרף, האָבען זיי דאַדורך זיך געמוזט אויסציהען פון דאָרף אין שטאָט אַריין, און זיי האָבען זיך באַזעצט אין שטאָדט יאַנוב, נאָר זיינע עלטערען זענען געוועזן זייער אָרים האָבען זיי נישט געקאָנט פאַר איהם צאָהלען קיין מלומד געלד, און אומזיסט האָט קיין שום מלמד נישט געוואָלט אַריין נעמען קיין תלמיד, האָבען זיינע עלטערען דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש:

אין דיזער צייט האָט געוואָהנט אין דער שטאָט יאַנוב איין גרויסער גביר, וואָס דיזער גביר האָט געהאַט אַ זוהן אין די זעלבע יאָהרען וואָס דער רבי ר׳ אורי מסטרעליסק, האָט דער גביר אהיים גענומען צו זיך אַ מלמד ער זאָל לערנען מיט זיין זוהן, און ווייל דעם גביר׳ס זוהן האָט געהאַט זייער אַ שלעכטען קאָפּ, האָט דער גביר געבעטען ביי דעם מלמד ער זאָל לערנען מיט דעם רבי׳ן ר׳ אורי מסטרעליסק כדי דער ר׳ אורי זאָל איבערחזר׳ן מיט זיין זוהן דאָס לערנען וואָס זיי האָבען געלערענט ביי דעם מלמד:

פון דיזען מלמד האָט דער הייליגער רבי אורי מסטרעליסק זייער פיהל געליטען, ער פלעגט איהם פיהל מאָל שלאָגען ביז עס איז גוון איהם גערינען בלוט, בעוויל דער מלמד האָט געוויסט אַז ער לערענט מיט איהם אומזיסט, דורך דעם פלעגט ער איהם אָנטוהן געברוינטע צרות,

און

און ווי זיינע עלטערען האבען געזעהן דאס אכזריות פון מלמד, האבען זיי שוין נישט געוואלט שיקען זייער זוהן צו איהם לערנען, און האבען געזאגט אז השם יתברך וועט אונז צושיקען איין אנדער ארט מיר זאלען קאנען שיקען אונזער זוהן לערנען:

און עס איז טאקי אזוי געווען, השם יתברך האט איהם צוגעשיקט איין אנדער ארט צו לערנען, אין א דארף נישט ווייט פון יאגוב האט דארט געוואהנט א ארענדאר וואס האט געהאלטען א עקסטרע מלמד פאר זיין זוהן, האבען זיינע עלטערען ביי איהם געפועל'ט ער זאל לאזען זיין זוהן אויך לערנען צוזאמען מיט זיין זוהן, און פון דאמאלס אן פלעגט ער אלע טאג גיין פון שטאדט אין דארף אריין לערנען, סיי זומער סיי ווינטער, ער האט גאר נישט געקוקט אויף דעם שלעכטען וועטער פון דרויסען, און אויף דעם וואס עס איז איהם אויסגעקומען צו גיין דורך פעלדער און וועלדער, נאר ער פלעגט אלע טאג גיין מיט גרויס חשק לערנען:

דער פאטער זיינער פלעגט איהם אלע טאג מיט נעמען אין שוהל אריין דאווענען, איינמאהל האט זיך געטראפען אז דער פאטער האט איהם מיטגענומען אין שוהל אריין דאווענען און האט איהם פארגעסען אהיים צו נעמען, דער שמש פון שוהל האט איהם נישט געזעהן, ווייל ער איז געשטאנען אין א ווינקעל און געדאווענט, און האט פארשלאסען די שוהל און איז אוועק בעגאנגען, די עלטערען האבען איהם א גאנצע נאכט ארום געזוכט אין דער גאנצער שטאדט און האבען איהם נישט געפונען, דעם פאטער איז נישט איינגעפאלען אז ער איז פארבליבען אין שוהל, נאר הערשט אין דער פריה ווען דער שמש האט געעפענט די שוהל האט ער איהם נאך געטראפען שטיין אין ווינקעל דאווענען די שמונה עשרה פון מעריב:

ווען דער רבי ר' אורי איז אלט געווארען דרייצען יאהר איז ער שוין געוועזען באוואוסט מיט זיין שארפען מוח ארום דעם גאנצען געגענד, און נאכהער ווען ער איז אלט געווארען פופצען יאהר איז ער שוין געווארען זייער גרויס אין לערנען און פלעגט לערנען מיט זיינע חברים, און אויך פלעגט ער פיהל מאהל גיין אין א שטעטיל נאענט פון זיין שטאדט צו לערנען דארט מיט בחורים:

צווישען די צוויי שטעטלעך וואס דער רבי ר' אורי פלעגט גיין דארט לערנען, האט זיך געפונען א דארף, אין דעם דארף האט

געוואהנט

געוואָהנט אַ פּריץ זייער אַ רייכער, און ער האָט געהאַלטען ביי זיך אַ משומד פאַר אַ דשאַנצע ער זאָל אַכטונג געבען אויף זיינע געשעפטען, דיזער פּריץ פלעגט אָפט האָבען וויכוחים מיט דעם משומד, און ווען דער פּריץ פלעגט זעהן אַלע טאָג דעם רבי'ן ר' אורי דורך גיין דורך זיין דאָרף זייער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער געזאָגט צום משומד, דעם בחור וועט אַמאָהל זיין זייער גרויס, ווי דער משומד האָט דאָס געהערט, האָט ער אָנגעהויבען מבזה צו זיין אַלע יודען פאַר דעם פּריץ, אַז קיין שום יוד האָט נישט קיין וויסענשאַפט אין וועלטליכע חכמות, והא ראיה, רוף אַהער דעם בחור און רעד מיט איהם וועסט די זעהן אַז ער ווייסט גאָר נישט פון וועלטליכע זאַכען:

**אַמאָהל** האָט זיך געטראָפען ווען דער בחור איז פרייטאָג צוריק אהיים געגאַנגען אין זיין שטאָדט אַריין און ער איז דורך געגאַנגען דורך דעם דאָרף און ער איז געווען זייער פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען אַזוי ווי זיין שטייגער איז שטענדיג געווען, האָט איהם דער פּריץ צוגערופען צו זיך, נאָר דער בחור ווייל ער איז געוועזען זייער פאַרטיעפט אין זיינע געדאַנקען האָט נישט געהערט צו דער פּריץ האָט איהם גערופען, האָט דער משומד אָנגעהויבען צו שפּעטען פון דעם בחור, און דערווייל האָט זיך דער בחור געגעבען אַ קוק אום האָט ער געזעהן דעם פּריץ, און ווי דער פּריץ האָט איהם גערופען נאָך אַמאָהל איז ער באַלד צוגעגאַנגען צו איהם, האָט איהם דער פּריץ געפרעגט פאַר וואָס ער איז נישט באַלד צוגעגאַנגען צו איהם ביי דעם ערשטען מאָהל רופען, האָט דער בחור זיך פאַרענטפערט אַז ער האָט נישט געהערט מען זאָל איהם רופען ווייל ער איז געווען זייער פאַרטראַכט אין אַ שווערען פלפול, דער פּריץ האָט מיט איהם אָנגעהויבען צו רעדען האָט ער געזעהן אַז ער איז אַ גרויסער חכם איז ער איהם זייער געפעלען געוואָרען, און ווי דער משומד האָט דאָס געזעהן האָט ער אָנגעהויבען צו לעסטערען די הייליגע תורה און האָט געזאָגט צום בחור, ווי איך זעה דיין קלוגשאַפט וואָלט פאַר דיר פיהל גלייכער געווען זיך צו לערנען אין אַנדערע וויסענשאַפטען, נישט אין דער תורה:

**דער** דאָזיגער בחור האָט איהם געענטפערט מיט דיזען לשון: מיר האָבען גענומען די תורה אויף דעם באַרג סיני אין געגענוואַרט פון אַלע יודען, און אַלע יודען זענען בעשטאַנען אויף דער תורה, און מיר האָבען געהערט גאָטס קול רעדען בשעת ער האָט אונז געגעבען די תורה

תורה, דעריבער אז די הייסט פארלאָזען די תורה קאָנען מיר זי ניט פארלאָזען נאר אויף דעם זעלבען אופן אזוי ווי מען האָט זי אונז געגעבען, דהיינו, אין געגענווארט פון אלע יודען און אלע זאלען בעשטיין דערויף, און מען זאָל הערען גאָטס קול אז ער וועט זיי געבען א נייע תורה, דאמאָלס וועלען מיר פארלאָזען די תורה, אָבער ווי לאנג עס איז בישט אזוי געוועזען קאָנען מיר נישט פארלאָזען די תורה, דער משומד איז געבליבען זייער פארשעמט פאר דעם פריץ ווייל ער האָט נישט געוויסט וואָס צו ענטפערען אויף דיזע רייד, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

# אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט די חתונה פון רבינו הקדוש ר' אורי מסטרעליסק זכותו יגן עלינו:

דער הייליגער צדיק ר' אורי מסטרעליסק ז"ל האָט חתונה געהאַט, זיין פרוי פריידא ע"ה איז געוועזען א גרויסע צדיקת, זי פלעגט טוהען אלע שווערסטע ארבייטען אבי דער מאן זאָל זיצען און לערנען, און זי האָט איהם מפרנס געוועזען, א קורצע צייט נאָך דער חתונה זענען זיי אוועק פון דער שטאָדט יאנוב קיין לעמבערג דאָרט צו וואָהנען, כדי דאָרט צו זוכען זייער פרנסה, דאָרט אין לעמבערג האָבען זיי זיך געדינגען א קעלער שטוב זייער א ענג באוואָהנונג, ווייל זיי האָבען נישט געקענט קומען צו א גרעסערע וואָהנונג ווייל זיי זענען געוועזען זייער אָרים, און די צדיקת פריידא ע"ה האָט אָנגעהויבען צו האנדלען מיט גרינוואַרג און האָט דערפון פארדינט אויף טריקען ברויט, און דער רבי ר' אורי פלעגט זיצען בייטאָג און בייננאכט על התורה ועל העבודה, און קיין שום מענשט האָט נישט געוויסט פון זיין דהקות בעווייל אויפ'ן פנים האָט מען אים נישט דערקענט, ווייל ער פלעגט שטענדיג זיין פרייליך:

נאכהער ווען עס איז איהם געבאָרען געוואָרען א זוהן דער הייליגער צדיק ר' שלמה זצ"ל, האָט דער רבי ר' אורי מכבד געוועזען מיט סנדקאות דעם גביר ר' לייב מימעלעס, וואָס ער איז געוועזען דעם לובלינער רבינ'ס שוואָגער, דער ברית איז געוועזען אין בית המדרש, נאָך דעם ברית איז דער סנדק און דער מוהל און נאָך מענטשען גגאנגען

צו

צו איהם אויף אַ סעודת מצוה, נאָר ווי זיי זענען אריין געקומ׳ען אין שטוב און האָבען געזעהן דאָס אָרימקייט, זענען זיי זייער דערשראָקען געוואָרען:

די רביצען האָט דערזעהן דעם עולם אריין קומען, האָט זי זייער אָנגעהויבען צו וויינען, ווייל זי האָט זיך זייער געשעמט וואָס זי האָט ניט מיט וואָס מכבד צו זיין די אורחים, און דער בעל ברית איז געשטאַנען זייער פריילעך וואָס ער האָט זוכה געווען מל צו זיין זיין זוהן, נאָר ווי ער האָט דערזעהן דעם צער פון דער רעביצען, האָט ער זי געטרייסט און געזאָגט, אויב ווייל מיר האָבען נישט קיין פרנסה בריות דעריבער זאָלען מיר זיך נישט פרייען מיט אונזער זוהן, און וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו אַזאַ גרויסע מצוה:

די מענטשען וואָס זענען געווען אויף דעם ברית האָבען יעצט זיך דערוויסט פון זיין אָרימקייט, וואָרען ביז יעצט האָבען זיי נישט געוויסט אז ער איז אַזוי אָרים, האָבען זיי באַלד צוגעגרייט אַ סעודה אַזוי ווי ביי דעם גרעסטען גביר, און זיי האָבען זיך זייער משמח געווען:

אויף דעם צווייטען טאָג נאָך דעם ברית האָט דער גביר ר׳ לייב מימעלעס געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ אורי פון וואַנען ער דערנעהרט זיך, האָט איהם דער רבי געענטפערט: איך האָב צוויי קוה, פון דיזע צוויי קוה שפייז איך מיך מיט מיין בני בית, און ווייל דער גביר ר׳ לייב האָט געוואָלט מהנה זיין דעם רבי׳ן ר׳ אורי חסיד, האָט ער אָנגעזאָגט אין שטוב אַז מען זאָל ביי קיינעם נישט קויפען קיין מילעך נאָר ביי אורי חסיד, נאָר ווי פאַרוויינדערט איז ער אָבער געוואָרען אַז ווען זיין משרתות איז געגאַנגען צו ר׳ אורי׳ן קויפען מילעך האָט זי געטראָפען די רביצען אין שטוב און האָט זיך געהייסען געבען מילעך, די רביצען האָט זי אָנגעקוקט, זי האָט גערעכענט אַז זי מאַכט פון איהר אַ שפּאַס, די משרתות האָט געזעהן אַז די רביצען פאַרוויינדערט זיך זייער, האָט זי געענטפערט, מיין בעל הבית האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל אין ערגיץ נישט קויפען קיין מילעך נאָר ביי אייך, האָט די רביצען געזאָגט, ביי מיר אין שטוב איז צייט מיין חתונה נאָך נישט געזעהן געוואָרען קיין טראָפּען מילעך:

די משרתות איז אַהיים געגאַנגען און געזאָגט דעם בעל הבית אַז עס איז אַ ליגען, ביי דעם אורי חסיד געפינט זיך נישט קיין קוה, און די רביצען זאָגט אַז זייט איהר חתונה האָט זי נאָך נישט געהאַט אין שטוב

קיין

קיין טראפען מילעך, האט זיך דער בעל הבית זייער פארוואונדערט, ווי פאלט דאס אויס ר׳ אורי חסיד זאל איהם זאגען אזא ליגען, ווארום ער האט בעוויסט אז ער איז זייער איין ערליכער מאן מן הסתם אז ער האט געזאגט אז ער האט צוויי קוה מוז זיין אמת:

נאך דעם ווי דער גביר האט געטראפען דעם רבי׳ן ר׳ אורי אין בית המדרש, האט ער איהם געפרעגט, ווי פאלט איהר אויס צו זאגען אזא ליגען אז איהר האט צוויי קוה און פון דעם זענט איהר אייך מפרנס, און איך האב געשיקט צו אייך נאך מילעך האט די רביצען געענטפערט אז זי האט נישט קיין מילעך, האט דער רבי ר׳ אורי געענטפערט, חס וחלילה, איך זאג נישט קיין ליגען, דאס זענען די צוויי קוה וואס איך בין מיך מפרנס: „כי" בו ישמח לבנו, „כי" בשם קדשו בטחנו, פון דיזע צוויי קוה (כי) האב איך מיין חיונה, פון דאמאלס אן פלעגט דער גביר ר׳ לייב מימעלעס שיקען כסדר אלע טאג זיין פרנסה פארבאויגען דער רבי זאל נישט וויסען, ווארען ער האט נישט געוואלט נעמען קיין אומזיסטע געשאנקען:

אין א צייט ארום האט ער אנגעהויבען צו פאהרען צו רבי׳ס, כדי ער זאל זיך אויסקלויבען א רבי׳ן וואס ער זאל צו איהם כסדר פאהרען, צום ערשטען איז ער געפאהרען קיין ליזענסק צום רבי׳ן ר׳ אליומלך זצ״ל און איז דארט אפגעזעסען א צייט אין איז פון דארט אוועק געפאהרען קיין אוסטרהא צום רבי׳ן ר׳ ייב״א זצ״ל:

ווען דער רבי ר׳ ייב״א האט זיך געזעצט עסען זיין נאכט עסען האט ער געבעטען דעם רבי׳ן ר׳ אורי זצ״ל ער זאל אויך עסען מיט איהם, האט ער איהם צוליעב געטוהן, בשעת דעם עסען האט ער געזעהן אז דער רבי ר׳ ייב״א עסט זייער פיהל, מען האט איהם אנידער געשטעלט גרויסע כלים מיט עסען און ער האט אלעס אויפגעגעסען, גאר נאך דעם ווי ער האט שוין נישט געקאנט מעהר עסען און האט איבער געלאזט ביסלעך אין די כלים, האט ער זיך צוגעבויגען צו די כלים און האט געבעטען ביי די ביסלעך עסען אז זיי זאלען נישט האבען אויף איהם קיין פארדראס וואס ער עסט נישט אויף אין גאנצען כדי מתקן צו זיין דערמיט דאס עסען, ווייל ער קאן שוין נישט מיין עסען, האט דער פון דער רבי ר׳ אורי פארשטאנען דאס גרויסקייט פון רבי׳ן ר׳ ייב״א, דאס וואס ער עסט אזוי פיהל איז כדי דערמיט מתקן צו זיין די הייליגע ניצוצין וואס געפונען זיך אין עסען

נאך

נאך דעם בענטשען האט זיך דער רבי ר' ייב"א געזעצט לערנען און איז אויפגעוועזן א גאנצע נאכט, און האט געלערענט מיט גרויס התלהבות און מיט גרויס התמדה, נאכהער אין דער פריה האט ער זיך בעשטעלט דאווענען אויך מיט גרויס התלהבות, און נאך די אלע זאכען האט אלץ דער רבי ר' אורי איהם נישט געוואלט נעמען פאר קיין רבי'ן, ער האט געזאגט אז ער האט נישט קיין פארכט פאר איהם איז א בעווייז אז דאס איז נישט זיין רבי:

פון דארט איז ער געגאנגען קיין קארץ צום רבי'ן ר' פנחס זצ"ל וואס ער איז דאמאלס געוועזען דער עלצטער רבי אין זיין דור, נאר אזוי ווי ער האט איבערגעטרעטען זיין שוועל האט איהם דער רבי ר' פנחס געגעבען שלום און האט צו איהם געזאגט גיי געזונטערהייט איך בין נישט דיין רבי, און ער איז פון דארט אוועק געגאנגען:

נאכהער איז ער געגאנגען קיין נעסכיז צום רבי'ן ר' מרדכי זצ"ל, און פון דארט איז ער געגאנגען צום הייליגען רבי'ן ר' זושא זצ"ל, דער רבי ר' זושא האט איהם זייער מקרב געוועזן, און ווען ער איז פון איהם אוועק געגאנגען האט ער איהם געבענטש מיט דער ברכה: אז די שכינה זאל זיך פון איהם נישט אפטוהן ווי לאנג ער וועט לעבען, און ער זאל ווי צום געכסטען געפונען א רבי'ן ווי צו איהם פאסט צו:

פון דארט איז ער ווייטער געגאנגען קיין קארלין צום רבי'ן ר' שלמה זצ"ל, און ווי ער איז דארט אהין געקומען, האט ער געטראפען דעם רבי'ן זיצען אין דרויסען לעבען דער שטוב, דער רבי ר' שלמה האט איהם געגעבען שלום, און עס איז באלד אויף איהם געפאלען א פחד, דערפון האט ער פארשטאנען אז צו דעם רבי'ן דארף ער כסדר גיין, און ער איז דארט פארבליבען אויף א לאנגע צייט:

ביי דער גאנצער צייט וואס דער רבי ר' אורי האט זיך געזאמט ביים רבי'ן ר' שלמה מקארלין, איז זיין פרוי דערווייל געוועזן ביי דעם רבי'ן ר' נפתלי הירץ סוחיסטאווער זצ"ל, וואס מען האט איהם גערופען „דער שווארצער מגיד", און ווען דער רבי ר' אורי איז אהיים געקומען אויף פסח קיין לעמבערג, האט ער אויך געמוזט עסען ביי דעם רבי'ן ר' נפתלי הירץ זצ"ל, ווי דער רבי ר' נפתלי האט געזעהן זיין התנהגות און די גרויסע קדושה זיינע, האט ער צו איהם געזאגט: איך זעה דאך אז איהר זענט א גרויסער ירא שמים, און עס שטייט אין פסוק „ותקם את דבריך כי צדיק אתה", דאס איז טייטש די זאלסט מקיים זיין דיינע רייד

ווייל

ווייל די ביסט א צדיק, פאר וואס דען ביסטו נישט מקיים וואס די האסט איינגעשריבען אין דער כתובה: „ואנא אפלח ואוקיר ואיזון ואפרנס וכו'", דאס איז טייטש: די ביסט מחויב צו געבען דעם ווייב פרנסה, וואס דען ביסטו אוועק אויף אזוי א לאנגע צייט און האסט דיין ווייב איבער געלאזט אן פרנסה, האט דער רבי ר' אורי געענטפערט, וואס שטייט ווייטער אין דער כתובה, „כהלכות גוברין יהודאין דמפרנסין נשיהון בקושטא", דאס איז טייטש: אזוי ווי אלע יודען וואס שפייזען זייערע ווייבער מיט אמת, דעריבער האב איך געמוזט פאהרען צום איין רבי'ן צו זוכען דעם אמת, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט ווי דער רבי ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל האט אנגעהויבען נתגלה צו ווערען:

ווען דער הייליגער רבי ר' אורי מסטרעליסק האט אנגעהויבען נתגלה צו ווערען און מען האט אנגעהויבען פון אלע זייטען צו פאהרען צו איהם, האט זיך דערוועקט דער חשק אין רבי יהודה צבי פון סטרעטין זי"ע אויך צו פאהרען זיך ערקענען מיט דעם רבי'ן ר' אורי', דער דאזיגער רבי יהודה צבי איז געווען זייער א גרויסער מאן אין תורה און אין יראת שמים, און ווען די איינוואהנער פון סטרעטין האבען איהם געוואלט אויפנעמען פאר א רב, האט ער נישט געוואלט אויף זיך נעמען דאס רבנות, נאר עס האט דארט אין סטרעטין געפעלט א שוחט, האט ער געזאגט, אז א שוחט וויל ער יא זיין. און ער איז פארבליבען שוחט אין סטרעטין, און דאס איז באוויסט אז בשעת ער פלעגט גיין שעכטען א עוף פלעגט דאס עוף אליין צו פליהען צו איהם, דעסגלייכען אז ער פלעגט גיין שעכטען א בהמה פלעגט די בהמה פון זיך זעלבסט אויסציהען דעם האלדז צום שעכטען:

עס האט זיך אמאהל געטראפען אז פון א פריץ'ס הויף איז אנטלאפען איין אקס אין וואלד אריין, און דער אקס פלעגט מזיק זיין פיהל מענטשען און עס איז נישט מעגליך געווען איהם צו חאפען, האבען מענטשען

מענטשען געזאָגט צום פריץ אַז ער זאָל בעטען רבי יהודה צבי דעם שוחט ער זאָל איהם שעכטען ווען דער אָקס פון זיך זעלבסט צו איהם צו גיין דער פריץ האָט אַזוי געטוהן, ער האָט געבעטען דעם שוחט ער זאָל שעכטען דעם אָקס, און ווי דער שוחט איז נאָר געקומען מיט דעם חלף אין וואַלד אריין, איז דער אָקס באַלד צוגעלאָפען צו איהם און האָט אויסגעצויגען דעם האַלדז און ער האָט איהם געשאָכטען, און מען דערציילט אַז עס איז אַמאָהל געקומען צופליהען אַ עוף פון דער שטאָדט דאַהאָטין ביז סטראָטין גלייך צום שוחט אין די הענד אריין כדי ער זאָל עס מתקן זיין מיט דעם שעכטען:

**דעם** דאָזיגען שוחט רבי יהודה צבי האָט זיך אַמאָהל פאַרגליסט צו פאָהרען קיין לעמבערג צום רבי'ן ר' אורי, דערווייל האָט זיך געמאַכט אַז אַ גרויסער גביר פון סטרעטין האָט אויך געוואָלט פאָהרען קיין לעמבערג צום רבי'ן וועגען אַ ישועה, האָט ער מיטגענומען דעם ר' יהודה צבי מיט זיך אויף זיינע הוצאות, כדי ער זאָל רעדען פון זיינעט וועגען, און ווי זיי זענען געקומען קיין לעמבערג האָבען זיי געהערט אַז עס איז געקומען קיין לעמבערג אַ גרויסער צדיק און ווייער אַ גרויסער בעל מופת, האָט דער גביר געבעטען דעם ר' יהודה צבי ער זאָל מיט איהם אריין גיין צו דעם רבי'ן, און ווי זיי האָבען נאָר געעפענט די טיער אריין צו גיין צום רבי'ן איז דער רבי פונקט געשטאַנען אויסגעדרייט מיט דעם פנים צו דער וואַנד, איז דער רבי ר' יהודה צבי באַלד צוריק ארויסגעלאָפען און ער האָט געזאָגט אַז ער האָט באַלד דערקענט אַז דער צדיק איז פון דער קליפה ר"ל, און ער איז באַלד געגאַנגען צום רבי'ן ר' אורי, און ווי ער איז אַריינגעקומען צום ר'בי'ן ר' אורי האָט ער פונקט געהאַלטען אין מיטען דאַווענען, האָט ער געוואַרט ביז דער רבי האָט געענדיגט דאָס דאַווענען, דערנאָך איז ער געגאַנגען נעמען שלום, האָט איהם דער רבי מכבד געווען ער זאָל מיט איהם עסען מיטאָג, און ער איז בעשטאַנען דערויף, און זיי האָבען צוזאַמען געגעסען:

**נאָך** דעם עסען איז דער רבי ר' יהודה צבי זיך געגאַנגען געזעגענען מיט דעם רבי'ן און צוריק אהיים צו פאָהרען, דער רבי האָט איהם באַגלייט ביז דער טיער, און ער האָט אויף איהם ארויסגעלייט זיינע הענד און האָט צו איהם געזאָגט מיט דיזען לשון: „מיר זאָלען זיך בקרוב ווייטער זעהן", און אַזוי ווי ער האָט צו איהם געזאָגט דיזע ווערטער

ווערטער האָט אין איהם אָנגעהויבען צו ברענגען דאָס ליבשאַפט פון דעם רבי'ן, און ווי ער איז נאָר אהיים געקומען האָט ער באַלד געמוזט פאָהרען נאָך אַמאָהל צוליעב דעם גרויסען גלוסטיגקייט וואָס ער האָט בעקריגען צום רבי'ן, און פון דאַמאָלס אָן פלעגט ער אַלע מאָהל פאָהרען צו איהם:

אַזוי פלעגט דער רבי ר' אורי כסדר זיצען על התורה ועל העבודה און דאָס ווייב פלעגט שווער אַרבייטען כדי זי זאָל קאָנען דערנערען דעם מאַן מיט די קינדער, עס פלעגט זיין פיהל טעג וואָס עס איז אפילו קיין שטיקעל ברויט נישט געווען פאַר די קינדער'ס וועגען, און זי האָט עס אַלץ מקבל באהבה געווען אַבי דער מאַן זאָל זיצען און לערנען, אַמאָהל איז דורך געגאַנגען דורך דעם רבינ'ס הויז דער גביר ר' צבי הירש שעהנבלום זצ"ל איינער פון די שענסטע בעלי בתים אין לעמבערג, האָט ער בעזעהן די רביצען זיצט פאַר איהר שטוב און די קינדער ווייגען עסען, און זי אליין האָט אויך געוויינט, ווייל זי האָט זיי נישט געהאַט וואָס צו געבען, איז דער גביר תיכף אריין געגאַנגען צום רבי'ן און האָט איהם געגעבען אַ גרויסען פדיון אז זיי האָבען זיך געהאַט דערפון צו דערנעהרען אַ לאַנגע צייט, האָט דער רבי געפרעגט דעם גביר וואָס פעהלט דיר ווייל איך דיך בענטשען, האָט דער גביר געענטפערט, מיר פעהלט גאָר נישט איך האָב ב"ה אַלדעס גוטס, נאָר אַ זוהן פעהלט מיר, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט, פון היינט איבער אַ יאָהר וועסטו האָבען אַ זוהן און איך זאָג דיר צו אַז ער וועט זיין פון מיינע בעסטע תלמידים:

דעם רבי'נס ברכה איז מקוים געוואָרען, און אַ יאָהר אַרום איז איהם געבוירען געוואָרען אַ זוהן, מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען בנימין זאב, ער איז געווען פון רבי'נס בעסטע תלמידים, זיין הייליגער נאָמען איז דערנאָך בעוואוסט געוואָרען אויף דער וועלט, מען האָט איהם גערופען וואָוטשי שעהנבלום זצ"ל:

אויך דער גביר ר' לייב מימעלעס פלעגט אָפט דעם רבי'ן מהנה זיין, און ער פלעגט זעהן אַז די רביצען איז פאַרטוהן אין שטוב מיט די קליינע קינדער און האָט נישט קיין צייט געהאַט צו גיין אין גאַס אריין עפעס צו האַנדלען און צו פאַרדינען, פלעגט ער אַריין שיקען אַלעס וואָס מען האָט געברויכט אין שטוב אַריין, עס איז אַזוי נאָרביי געגאַנגען וואָכען און חדשים און דער רבי האָט נישט געוויסט דערפון

נאָר

נאָר הערשט אין א צייט אַרום האָט ער זיך דערוויסט אַז דער גביר ר׳ לייב מימעלעס שיקט איהם אריין כמעט די גאַנצע פרנסה, האָט ער געזאָגט: יעצט זעה איך אַז השם יתברך וויל איך זאָל שוין האָבען פרנסה, נאָר פון דעסטוועגען וויל איך נישט מיין האָפענונג וואַרפען אויף א מענטש, אַז א מענטש זאָל מיך כסדר שפייזען, עס איז גלייכער זיך צו פאַרזיכערען אין השם יתברך, און ער איז באַלד פון דאָרט אַוועק געפאָהרען מיט זיין גאַנץ בני בית קיין סטרעליסק, און דאָרט אין סטרעליסק האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק באַוויסט צו ווערען מיט זיין גרויסקייט, און פיהל חסידים האָבען אָנגעהויבען צו איהם צו פאָהרען, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט דאָס גרויסקייט פון הייליגען רבין ר׳ אורי מסטרעליסק זצ״ל נאָך דעם ווי ער איז נתגלה געוואָרען:

ווען דער רבי ר׳ אורי איז געקומען קיין סטרעליסק, האָבען איהם די בעלי בתים אויפגענומען בכבוד גדול, נאָר ער פלעגט נישט וועלען זיך אָפּגעבען צום רבנות נאָר ער פלעגט פאַרברענגען גאַנצע טעג און נעכט נאָר ביים לערנען, אדרבה, איהם פלעגט נאָך פאַרדריסען אויף אַנדערע רבי׳ס וואָס זיי גיבען זיך אָפּ דער עיקר צו די חסידים נאָר וועגען צורכי הגשמיות, ער פלעגט זיינע חסידים גאָר נישט וועלען ענטפערען וועגען דעם, נאָר דער עיקר האָט ער מיט זיי גערעדט וועגען עבודות השם, ווי אַזוי מען דאַרף דינען השם יתברך, און דאָס רוב סטרעליסקער חסידים זענען געוועזען גרויסע אָרימע לייט:

אַמאָהל האָט די רביצען געזאָגט צו איהם, זעה נאָר דיינע חסידים זיצען ביי דיר שטענדיג פאַרוואָס ביסטו נישט מתפלל פאַר זייערט וועגען זיי זאָלען רייך ווערען, האָט דער רבי איהר געענטפערט, וואָס זאָל איך טוהן אַז מיינע חסידים ווילען נישט קיין געלד, און מאָרגען וועל איך דיר ווייזען אַז זיי ווילען נישט רייכקייט:

אויף דעם צווייטען טאָג בשעת דער רבי האָט געהאַלטען ביי דעם

דאווענען

דאַוועַנעָן, עָר איז צוגעָקומעָן צו „ויברך דודײ בײ די ווערטער „והעושר והכבוד מלפניך, ובידך לגדל ולחזק לכל״, האָט עָר אױפגעָהױבעָן זײנע פּאָלעָס און איז צוגעָגאַנגעָן צו יעדען אײנעָם פון זײנעָ חסידים וואָס זעָנעָן געוועָן אין בית המדרש און געזאָגט: ווער עס וויל געלד זאָל אַרײנשטעקעָן די העַנד אין דעָר פּאָלע וועט ער האָבען געלד, און עָס האָט קײנעָר נישט אַרײן געשטעקט זײן האַנד, נאַכהעָר האָט ער געזאָגט צו דעָר רביצעָן, זעָהט איך וויל זײ געָבעָן געלד און זײ ווילן נישט געמען:

בַּײ דעם רבי׳ן ר׳ אורי מסטרעָליסק איז אַמאָהל געָוועָן אײנער פון די גרויסעָ רבי׳ס, האָט ער אויך געפרעגט דאָס זעלבע, וואַרוואָס זעָנעָן אײערעָ חסידים אַלע אָרימעָ לײט, איהר זעהט נישט צו פּועל׳ען בײ השם יתברך זײ זאָלעָן זײן רײך, האָט דער רבי ר׳ אורי געָעָנטפערט, ווײל זײ אַלײן האָבעָן נישט קײן לוסט צו רײכקײט, און ער האָט באַלד צוגעָרופען אײנעָם פון זײנעָ חסידים און האָט צו איהם געזאָגט, אַזוי ווי איך מיט דעָם צדיק זיצעָן מיר יעצט צוזאַמען, און יעצט איז אײן עת רצון וואָס דו קאָנסט פּועל׳ן אלדעס גוטס, דעריבער זאָג וואָס איז דײן פעָרלאַנג, האָט דעָר חסיד געָעָנטפעָרט, איך פערלאַנג אַז איך זאָל זוכה זײן צו זאָגען אַלעָ טאָג „ברוך שאמר והיה העולם״, מיט דער זעלבער כוונה און התלהבות ווי דער רבי זאָגט, האָט דער רבי ר׳ אורי געזאָגט צו דעם צדיק וואָס איז בײ איהם געוועזען, יעצט זעה אַז מײנע חסידים האָבען גאָר נישט קײן השגה אויף רײכקײט נאָר אויף יראת שמים:

נָאר אײנער פון זײנע גרויסע תלמידים וואָס ער איז געוועָן רײך דאָס איז דעָר הײליגער רבי ר׳ בנימין וואָלף שעהנבלום זצ״ל, דער דאָזיגער תלמיד איז געוועָן פון אַ רײך הויז אַרויס, און ער אַלײן איז אויך געוועָן רײך, אמאָהל האָט דעָר רבי ר׳ אורי סטרעָליסקער צו איהם געזאָגט מיט דעם לשון: וואָוואטשי, ביסט זײער גוט נאָר וואָלסט מיר בעָסער געפעלען ווען זאָלסט זײן אַ אָרימאַן, האָט זיך דער ר׳ וואָוואטשי זײער דערשראָקען פון די רײד און האָט געָעָנטפעָרט: רבי, דערטשעפּעט נישט, אַז עס וועט מיר פעהלען די שפּראָנצקע פון די שיך וועל איך שוין נישט וויסען וואָס איך דאַוועָן:

אוֹיך ווען דער רבי ר׳ אורי סטרעליסקער פלעגט אַמאָהל אַרויספאָהרען אין אַ אַנדערע שטאָדט אַרײן, איז ער נישט געפאָהרען אויף דעם אופן צו זאַמלען געלד, נאָר צוליעב פאַרבאָרגענע טענוים:

**ר'** בער דעם ראש הקהל'ס זוהן פון דער שטאדט קאראלובסקי האט דערציילט, אז דער רבי ר' אורי סטרעליסקער איז אמאהל געקומען צו זיי אין שטאדט אריין אין מיטען דער וואך און האט זיך אפגעשטעלט אין מיטען מארק וואס האט זיך געפונען אין מיטען דער שטאדט, ווי די שטאדט מענטשען האבען געזעהן דעם רבי'ן זיך אפשטעלען אין מיטען מארק, זענען זיך אנגעלאפען פיהל מענטשען ארום דעם וואגען, האט דער רבי אויפגעהויבען די ברעמען און געפרעגט צו איז היינט א מארק טאג, האט איהם איינער געענטפערט, וואס פרעגט איהר צו עס איז א מארק טאג, דער מארק איז דאך ליידיג, האט ער געפרעגט וואס דען דא איז אזוי פיהל בהמות, און ער איז באלד צוגעפאהרען צום ראש הקהל וואס ער האט געוואהנט נאענט פון דער שוהל:

**די** שוהל איז געווען זייער שיין געבויט מיט גרויסע פענסטער, יעדער פרעמדער מענשט האט געקאנט פון אויסענווייניג דערקענען אז דאס איז א שוהל, דער רבי איז אביסעל ארויסגעגאנגען האט ער דערזעהן די שוהל, האט ער זיך אנידער געשטעלט קוקען אויף איהר, דערווייל איז דער ר' בער אנגעקומען און האט געזעהן ווי דער רבי שטייט און קוקט אויף דער שוהל, דער רבי ר' אורי סטרעליסקער האט איהם געפרעגט, וואס פאר א הויז דאס איז, האט איהם ר' בער געענטפערט, דאס איז אונזער שוהל, אין עטליכע מינוט ארום האט דער רבי איהם ווייטער געפרעגט, וואס פאר א הויז איז דאס, האט ר' בער ווייטער געענטפערט, דאס איז אונזער שוהל:

**אויף** דעם צווייטען טאג איז דער רבי ר' אורי סטרעליסקער געגאנגען אין דער שוהל אריין דאווענען, און אזוי ווי ער פלעגט אלע זיינע תפלות דאווענען מיט גרויס התלהבות און מיט א הויך קול אז מען האט געהערט זיין קול גאר ווייט, אפילו די פויערים אין די פעלדער האבען שוין געוויסט אלע טאג די צייט ווען דער ראבין זאגט „ברוך שאמר", אבער דאס מאהל איז זיין דאווענען געווען מיט מיין התלהבות ווי שטענדיג און מיט נאך העכערע קולות אז די ווענד האבען זיך אזש געשאקעלט פון זיינע קולות:

**נאך** דעם דאווענען האט ער עפיס געגעסען און באלד געהייסען איין שפאנען די פערד און פאהרען אין א נאענט שטעטיל קיין קריוויטש, די איינוואהנער פון דער שטאדט קאראלובסקי האבען איהם געבעטען ער זאל ביי זיי פארבלייבען אויף שבת, ער האט אבער נישט געוואלט בשום אופן

אופן ביי זיי פערבלייבען אויף שבת, און דאָנערשטאָג איז ער פון דאָרט אוועק געפאָהרען קיין קריוויטש, די צווייטע וואָך זענען צו איהם געקומען צו פאָהרען מענטשען פון דער שטאָדט קאראלובסקי קיין קריוויטש און אזוי ווי זיי זענען גאר איבערגעטרעטען זיין שוועל האָט ער זיי געפרעגט, וואָס הערט זיך מיט אייער שוהל, האָבען די מענטשען געענטפערט, אז דעם שבת האָט זיך אָנגעכאַפּט אַ פייער אין דער שוהל און זי איז אין גאַנצען פאַרברענט געוואָרען עס איז פון איהר גאַר נישט געבליבען קיין זכר:

ווי דער רבי ר' אורי האָט דאָס געהערט, האָט ער צו זיי געזאָגט, איך האָב פיהל געבעטען אז די שוהל זאָל פאַרברענט ווערען, ווייל מיט פיהל יאָהרען צוריק איז אין דער שוהל געווען איין איינזאַמלונג פון דער חברה פון שבתי צבי ימ"ש און זיי האָבען פאַראומרייניגט דאָס הויז און דאָס אומרייניקייט האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט אויסרוימען, דעריבער האָט די שוהל געמוזט פאַרברענט ווערען, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט וואונדערליכע זאכען פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

נאָך דעם ווי דער רבי ר' אורי סטרעליסקער איז שוין געוואָרען אויף דער וועלט מיט זיין גרויסקייט און מען פלעגט פאָהרען צו איהם פון אלע זייטען, איז צו איהם געקומען א גביר פון דער שטאָדט אָדעס, דער דאָזיגער גביר פלעגט אָפט פאָהרען קיין גאליציע וועגען זיינע געשעפטען, און ווי ער האָט דאָרט געהערט דערציילען דאָס גרויסקייט פון דעם רבי'ן ר' אורי סטרעליסקער איז ער אויך אריין געפאָהרען קיין סטרעליסק צו קענען דעם רבי'ן, און ווי ער איז גאר איין מאָהל געווען אין סטרעליסק האָט עס איהם שוין כסדר בעצויגען צו פאָהרען קיין סטרעליסק, און ביי יעדען מאָהל ווען ער איז געפאָהרען קיין גאליציע געשעפטליך, איז ער אריין געפאָהרען קיין סטרעליסק צום רבי'ן, און ווען ער איז צוריק אהיים געפאָהרען קיין אָדעס פלעגט ער דערציילען דיין בני בית אונז זיינע פריינד דאָס גרויסקייט

גרויסקייט פון דעם הייליגען רבי'ן ר' אורי סטרעליסקער:

אַמאָהל האָט זיך פּאַסירט ביי דעם גביר פון אָדעס אַ גרויס אומגליק היינו, אַזוי ווי די משרתות פלעגט גיין אַלע טאָג מיט דעם קינד שפּאַצירען אין וואַלד אריין, האָט זיך געטראָפען איין טאָג וואָס זי איז געגאַנגען מיט דעם קינד אין וואַלד אַריין און זי האָט נישט אַזוי גוט אַכטונג געגעבען אויף איהם, און דאָס קינד איז אַזוי אַביסעל אַוועק געגאַנגען פון איהר, פּלוצלונג קוקט זי זיך אום און דאָס קינד איז נישט דאָ, זי האָט איהם אָנגעהויבען צו זוכען אין גאַנצען וואַלד אָבער אומזיסט, זי האָט איהם נישט געפונען:

די משרתות איז אהיים געגאַנגען מיט גרויס עגמת נפש און האָט דערציילט דעם בעל הבית דאָס אומגליק וואָס האָט זיך איהר געטראָפען, דער גביר איז באַלד אַרויסגעגאַנגען זוכען דאָס קינד און ער האָט אויך אַרויסגעשיקט שלוחים צו זוכען דאָס קינד, אָבער די גאַנצע מיה איז געוועזן אומזיסט, דאָס קינד איז נישט געפונען געוואָרען:

מען קאָן זיך פאָרשטעלען דאָס גרויסע עגמת נפש וואָס עס איז געוועזן ביי דעם גביר אין הויז, און צוליעב דעם גרויסען צער האָט ער שוין נישט אין זין געהאַט זייגע געשעפטען, און ער איז דאָס גאַנצע יאָהר נישט געפאָהרען קיין גאַליציע אַזוי ווי ער פלעגט אָפט פאָהרען וועגען מסחר, און ממילא איז ער דאַדורך שוין אין סטרעליסק ביים רבי'ן אויך נישט געוועזן, נאָר הערשט אין אַ יאָהר אַרום נאָך דעם אומגליק וואָס דאָס קינד איז פון איהם פאַרלאָרען געוואָרען האָט ער זיך אָנגעהויבען צוריק צו נעמען צום מסחר און אָנגעהויבען צו פאָהרען קיין גאַליציע, און פון דאָרט איז ער אַריין געפאָהרען קיין סטרעליסק צום רבי'ן:

ווי דער גביר איז געקומען צום רבי'ן האָט ער אָפּגעגעבען אַ קוויטעל מיט אַ פדיון ווי דער שטייגער איז, ווי דער רבי האָט גענומען דאָס קוויטעל אין דער האַנד אריין און אָנגעהויבען עס צו לייענען האָט ער געפרעגט דעם גביר, וואָס האָסטו פאַרגעסען איין קינד איין צושרייבען אין קוויטעל, האָט דער גביר שטאַרק אָנגעהויבען צו וויינען און האָט דערציילט דעם רבי'ן דאָס אומגליק וואָס האָט איהם געטראָפען, האָט דער רבי איהם געענטפערט, זאָרג נישט, מיין הארץ זאָגט מיר אַז דיין קינד לעבט:

עס איז פערביי געגאַנגען אַ לאַנגע צייט, העכער צוואַנציג יאָהר פון דער צייט וואָס ער איז געוועזן ביים רבי'ן אין סטרעליסק, ער

האָט

דאס שוין געהאט אין גאנצען פארגעסען אין זיין אומגליק, איז ער אמאהל געווען אין סטרעליסק ביים רבי'ן, האט דער רבי צו איהם געזאגט, פאהר אהיים און גרייט מיר צו א דירה אין אדעס, ווייל איך וועל זיין אין אדעס עטליכע טעג, דער גביר איז באלד אוועק געפאהרען און האט דערציילט אין זיין שטאדט אז דער רבי ר' אורי פון סטרעליסק וועט קומען צו אונז אין שטאדט אריין אויף עטליכע טעג און ער וועט האבען ביי מיר סטאנציע:

די שטאדט מענטשען האבען זיך אנגעהויבען צו צוגרייטען איהם א קייגען צו גיין מיט גרויס פאראד, און נאך די זעלבע וואך איז דער רבי געקומען קיין אדעס, און מען האט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער איז איינגעשטאנען ביי דעם דאזיגען גביר, און דאס איז דאך באוויסט, אז אין רוסלאנד פלעגט מען זייער שטרענג אכטונג געבען אויף א פרעמדען מענטש ווען ער איז געקומען אין א גרויסע שטאדט און ער האט זיך געזאמט א צייט, און א ליאדע חשד מען האט אויף איהם געפונען האט מען איהם באלד ארעסטירט, און בפרט נאך אז דער רבי איז געקומען קיין רוסלאנד און מענטשען האבען אנגעהויבען צו גיין צו איהם פון אלע זייטען, האט מען באלד געווארפען דעם רבי'ן אין א חשד אריין, און ער האט דערהאלטען א באפעל פון גובערנאטאר אז ער זאל צו איהם קומען:

ווי די יודען פון דער שטאדט האבען דאס געהערט, האבען זיי זיך שטארק געשראקען, ווער ווייסט וואס מען קען איהם טוהן, נאר דער רבי האט זיי געטרייסט און געזאגט, שרעקט אייך נישט, איך פארהאף צו גאט אז אין דעם היינטיגען טאג וועט געטוהן ווערען א גרויסע זאך:

דער רבי איז געגאנגען צום גובערנאטאר פונקטליך צו דער צייט וואס מען האט איהם געהייסען קומען, און ווי ער איז דארט אריין געקומען האט ער געטראפען שטיין דעם גובענאטאר און א יונגער שרייבער איז געשטאנען לעבען איהם, מען האט דעם רבי'ן אויסגעפרעגט ווי אזוי ער הייסט און ווי אזוי זיינע עלטערען האבען געהייסען, און פון וועלכער שטאדט ער איז אזוי ווי דער שטייגער איז ביי א פראטאקאל אלעס צו פרעגען, דער נאך האט מען איהם געהייסען צוריק אהיים גיין, פאר דעם אוועק גיין האט דער רבי געבעטען דעם גובענאטאר ער זאל איהם פאזוואלען צו רעדען מיט זיין שרייבער ווארען ער דארף עפעס רעדען מיט איהם א פארבארגענע זאך, דער געבונאטאר האט איהם פאזוואלי

אוי

און דער רבי איז מיט דעם יונגען שרייבער אריין געגאנגען אין א באזונדער חדר און האט מיט איהם גערעדט א לאנגע צייט:

אין א שעה ארום זענען זיי צוריק אריין געקומען, און דער יונגער שרייבער איז אין גאנצען משונה צורה געווארען און ער האט געציטערט פאר פחד, און דער רבי איז צוגעגאנגען צום גובערנאטאר און האט צו איהם געזאגט, איך בעט זייער מען זאל דעם דאזיגען שרייבער צוריק קערען צו זיינע עלטערען ווייל מען האט איהם אוועק גע'גנב'עט פון זיינע עלטערען ווען ער איז נאך געווען יונג:

דער גובערנאטאר האט זיך זייער פארווינדערט אויף דעם רבי'נס רייד, דער נאך האט ער זיך אויף איהם געבייזערט און האט איהם געסטראשעט אז אויב ער וועט נישט אויסווייזען די זאך אז עס איז אמת וועט ער איהם ארעסטירען, מען האט געשיקט ברענגען די אלטע ביכער פון ארכיוו און מען האט געזוכט און מען האט געפונען אז עס איז אמת, אז דער דאזיגער יונגער שרייבער איז א יוד און ער געהער צו די עלטערען, דער גובערנאטאר איז זייער דערשראקען געווארען און ער האט געזאגט, יעצט זעה איך אז ער איז א געטליכער מאן, און ער האט איהם אנגעטוהן גרויס כבוד און ער האט פאזוואליט דעם שרייבער צוריק אהיים צו גיין צו זיינע עלטערען, און דער רבי איז באלד צוריק אהיים געפאהרען קיין סטרעליסק, ער האט געזאגט, איך האב שוין געטוהן דאס וואס איך האב געדארפען טוהן אין אדעס, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט ווי דער היילינגער רבי ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל איז געווען בקי אפילו אין וועלטליכע חכמות:

ווען דער הייליגער רבי ר' אורי מסטרעליסק איז אמאהל געקומען קיין לעמבערג, זענען צו איהם געקומען פיהל חסידים, און דאס איז דאך באוואוסט אז דער רבי ר' אורי מסטרעליסק האט נישט געלעבט גוט מיט דעם בעל שם טוב און מיט זיינע תלמידים, און די אנהענגער פון בעל

שם

שם טוב האבען נאר שטענדיג געזוכט עצות ווי אזוי צו טשעפען מיט דעם רבי'ן ר' אורי פון סטרעליסק, און אין דיזער צייט איז געווען אין לעמבערג א גרויסער פילאזאף וואס ער איז געווען איין צענזור, זענען בעגאנגען דעם בעל שם טוב'ס חסידים און האבען דערציילט דעם צענזור אז דער רבי ר' אורי פון סטרעליסק פארבארט פיהל מענטשען דערמיט אז זיי זאלען גאנצע טעג אפפיהרען נאר מיט דאווענען און געשרייען:

דער צענזור האט באלד געגעבען א באפעל צום רבי'ן ער זאל זיך שטעלען פאר איהם צו דער באשטימטער צייט, און ווי די חסידים האבען געקריגען דעם באפעהל, זענען זיי געווארען שטארק דערשראקען און האבען נישט געוויסט קיין שום עצה זיך צו געבען צו זאל מען זאגען דעם רבי'ן פון דעם באפעהל צו נישט, ווארען ווער ווייסט וואס פאר א חקירות ער וועט דעם רבי'ן פארשטעלען און דער רבי וועט אפשר נישט וויסען וואס צו ענטפערען, ווארען ער איז נישט געלערענט אין קיין וועלטליכע חכמות, נאר זיי האבען נישט געהאט קיין אנדערע עצה האבען זיי איהם געמוזט זאגען:

נאר ווי פארווינדערט זענען די חסידים געבליבען ווען זיי האבען געהערט ווי דער רבי האט געענטפערט מיט דעם לשון: גאנץ גוט, איך וועל גיין צו דער באשטימטער צייט, און עס איז אויף איהם גאר נישט געפאלען קיין שום שרעק, און ווען דער רבי איז געגאנגען צום צענזור זענען מיט איהם מיטגעגאנגען עטליכע חסידים אזעלכע וואס זענען געלערענט אין וועלטליכע וויסענשאפט, אז אויב דער רבי וועט נישט וויסען צו ענטפערען וועלען זיי ענטפערען:

ווי זיי זענען געקומען צום צענזור, האט ער געזאגט צום רבי'ן, איך האב מיט אייך צו רעדען עטליכע ווערטער, האט דער רבי געענטפערט גאנץ גוט, נאר איך בעהט זייער אז עס זאל יעדער ארויסגיין פון דאנען בשעת אונזער געשפרעך, און דער צענזור האט איהם דאס צוליעב געטוהן, און דורך דעם האבען זיינע חסידים וואס זענען מיט איהם מיט געגאנגען אויך געמוזט ארויס גיין, און דער רבי איז אליין מיט איהם פארבליבען אין א פארשלאסען חדר א לאנגע צייט א ערך פון פיער שעה, די חסידים האבען זיך זייער געשראקען דערפאר וואס עס געדויערט אזוי לאנג, נאר נאך מעהר פארווינדערט זענען זיי געבליבען ווען זיי האבען געזעהן אין א צייט ארום דעם רבי'ן ארויס גיין און דער פילאזאף איז מיטגעגאנגען איהם בגלייטען ביז צו זיין שטוב, און ביי דעם גאנצען וועג האט דער

פילאזאף

פילאָזאָף געשריגען, ווי געשריגען אויף דעם וואָס עס איז פארלאָרען געוואָרען און מען קאָן עס נישט געפונען, ווען נישט דאָס וואָס איך בין שוין איין אלטער מאַן וואָלט איך פארלאָזט מיין פּאָסטען און וואָלט געוואָרען פון אייערע חסידים, וואָרען איך זעה יעצט אז מיינע אלע יאָהרען האָב איך פארבּרענגט מיט גאָר נישט:

ווי די חסידים האָבען געהערט דעם פילזאָפ'ס רייד, זענען זיי געוועזן זייער בייגעריג צו וויסען די זאַך דערפון, וואָס פאַר א געשפּרעך עס איז דאָרט צווישען זיי פאָרגעקומען, האָבען זיי געפרעגט דעם רבּי'ן ער זאָל זיי זאָגען וואָס פאַר א פראַגעס דער פילאָזאָף האָט איהם געשטעלט, און וואָס פאַר א ענטפער ער האָט געגעבען, האָט דער רבי געענטפערט, איך זאָל אייך דערציילען דאָס גאַנצע געשפּרעך וואָס עס איז פאָרגעקומען איז נישט מעגליך נאָך צו דערציילען, נאָהר איך וועל אייך נאָהר זאָגען פון וואַנען עס נעמט זיך צו מיר אז איך זאָל קענען דעם פילאָזאָף ענטפערען אויף זיינע פראַגען:

ווען איך בין אַלט געוועזן פינף יאָהר האָב איך געוואָלט וויסען פון וואַנען די אלע געוויקסען קומען, ווער האָט באַשאַפען דעם הימעל, און די זון און די לבנה און די שטערען, איך בין גאַנצע נעכט נישט געשלאָפען און נאָך געקלערט פון וואַנען דאָס אַלעס האָט זיך גענומען, ביז וואַנען איך האָב דערקענט אז עס איז פאַרהאַנען א באַשעפער וואָס האָט בעשאַפען די גאַנצע וועלט און אַלעס וואָס עס געפונט זיך אין איהר, און עס איז נישט געווען קיין איין חקירה וואָס די פילאָזאָפען האָבען געקלערט עס זאָל נישט האָבען דורך געגאַנגען דורך מיינע געדאַנקען, ביז וואַנען איך האָב דערגרייכט צום אמת, און יעצט קאָנט איהר שוין פארשטיין פאַר וואָס איך האָב מיך נישט געפאָרכטען צו גיין צום צענזור, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

# אין דיזע געשיכטע ווערט ערציילט די פטירה פון דער רביצען דעם היילינען רבי'ן ר' אורי סטרעליסקער'ס פרוי ע"ה און די חתונה פון דער צווייטער פרוי:

דער היליגער רבי ר' אורי סטרעליסקער פלעגט אלע יאָהר איין מאָהל פאָהרען

פאָהרען קיין סטרעטין, און ער האָט שוין אָפּט געהאַט זיין סטאַנציע ביי זיין הייליגען תלמיד ר' יהודא הירש זצ"ל וואָס ער איז געווזן רבי אין סטרעטין, און שבת ביים טיש פלעגען זיי זיצען צוזאמען אויגען אָן אויף צוויי שטילען, אמאָהל ביי דער דריטער סעודה פון שבת האָט דער רבי ר' אורי סטרעליסקער געזאָגט צו ר' יהודא הירש מיט דעם לשון: דיין פאָטער דער רבי פון זוואַלוב ציהט מיך אויף שבת קיין זוואַלוב, און איך ווייס נישט פאַרוואָס, וואָרען ער דאַרף נישט מיין טובה:

און עס איז אזוי געווען, ער איז פון דאָרט אַוועק געפאָהרען קיין זוואַלוב און האָט זיך דאָרט געזוימט ביז דינסטאָג, און פון דאָרט איז ער צוריק געפאָהרען צו זיך קיין סטרעליסק, און קיין שום מענטש האָט נישט געוויסט וואָס דער רבי האָט געטוהן אין זוואַלוב:

דער דאָזיגער תלמיד ר' יהודה הירש האָט דער רבי ר' אורי סטרעליסקער מיין מקרב געווען ווי אַלע תלמידים, אויף איהם האָט דער סטרעליסקער געזאָגט אַז ער וועט זיין ממלא מקומו, ווייל דעם סטרעליסקער'ס זוהן ר' שלמה זצ"ל איז נפטר געוואָרען באַלד נאָך איהם, צווישען דעם סטרעליסקער'ס תלמידים איז געווען איינער דער הייליגער צדיק ר' אברהם הירש זצ"ל וואָס איהם האָבען אַלע תלמידים גערעכענט פאַר דעם גרעסטען צווישען זיי, און אויף איהם האָבען זיי גערעכענט אַז ער וועט זיין דער ממלא מקום פון זייער רבי'ן דעם סטרעליסקער, נאָר דער סטרעליסקער האָט געזאָגט, אַז אין הימעל זאָגט מען אַז ר' אַברהם הירש וועט זיין אַ רבי, און איך זאָג אַז ר' יהודה הירש וועט זיין אַ רבי, און אַז משיח וועט קומען וועלען איהם אַ קייגען גיין דער בעל שם טוב מיט זיינע תלמידים און איך מיט מיין תלמיד ר' יהודא הירש וועל אויך אַ קייגען גיין און וועל נישט פאַרשעמט ווערען קייגען זיי:

און ווען די רביצען פרידה ע"ה איז נפטר געוואָרען און דער רבי האָט גענומען אַ צווייטע פרוי בלימה ע"ה, אַ טאָכטער פון דעם הייליגען צדיק ר' יעקב קאָפּיל, דעם בעל שם טוב'ס אַ תלמיד, איז צו איהם אמאָהל געקומען אויף שבת זיינס אַ שוואָגער, דער הייליגער צדיק ר' מענדיל קאָסיווער זצ"ל, און דער רבי ר' יהודא הירש סטרעטינער איז אויף דעם שבת נישט געווען אין סטרעליסק, מוצאי שבת האָט דער סטרעליסקער געשיקט אַ שליח קיין סטרעטין צום רבי'ן ר' יהודה הירש ער זאָל באַלד צו איהם קומען, דער שליח איז געגאַנגען קיין סטרעטין און האָט געבּרענגט דעם רבי'ן ר' יהודה הירש קיין סטרעליסק פונקט צו

דער סעודה מלוה מלכה, און ער איז אריין געגאנגען אין דעם חדר אריין וְוִי דער רבי ר׳ אורי סטרעליסקער מיט'ן שוואָגער ר׳ מענדיל קאָסיווער זענען געזעסען און געגעסען, און האָט געוואַרט ביז זיי האָבען געקאָנטשיט די סעודה, און ווען ר׳ מענדיל קאָסיווער איז געגאַנגען אויף זיין סטאַנציע שלאָפען האָט דער סטרעליסקער געזאָגט צו זיין תלמיד ר׳ יהודא הירש מיט דעם לשון: מיין הייליגער שוואָגער ר׳ מענדעלע האָט דעם פרייטאָג צו נאַכטס געדאַווענט מיט אַזאַ מין התלהבות און געוויין פונקט ווי צו כל נדרי:

ווען ר׳ מענדעלע קאָסיווער איז פון דאָרט אהיים געפאָהרען צו זיך, האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים, מיט אַלע זאַכען בין איך מיין שוואָגער נישט מקנא, נאָר מיט זיין תלמיד ר׳ יהודא הירש, איך האָב נאָך קיינמאָהל נישט געזעהן אַז אַ רבי זאָל נישט אָפּטוהן זיינע געדאַנקען קיין איין רגע פון זיין תלמיד, און אַ תלמיד זאָל נישט אָפּטוהן קיין איין רגע די געדאַנקען פון זיין רבי'ן, אַזוי ווי דער סטרעליסקער מיט זיין תלמיד ר׳ יהודא הירש סטרעטינער, זיי זענען ממש אין דער זעלבער מדריגה ווי משה מיט זיין תלמיד יהושע, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט דאָס גרויסקייט פון הייליגען רבי'ן ר׳ אורי מסטרעליסק זצ"ל אַז אַפילו חיות האָבען זיך געפאָרכטען פאַר איהם:

דער הייליגער רבי ר׳ אורי סטרעליסקער איז אַמאָהל געפאָהרען מיט זיינע עטליכע חסידים דורך אַ וואַלד, און אין מיטען וועג האָבען זיך די פערד אָפּגעשטעלט און האָבען נישט געוואָלט גיין, איז דער בעל עגלה אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגען זעהן פאַרוואָס די פערד ווילען נישט גיין, האָט ער געזעהן אַז עס שטייט אַ בער און וויל אַרויפשפּרינגען אויף די פערד און די פערד ווערען זיך מיט אַלע כוחות, האָט דער בעל עגלה אָנגעהויבען זייער שטאַרק צו שרייען פאַר גרויס פחד, האָט דער סטרעליסקער צו איהם געזאָגט, האָב נישט קיין פאַרכט, און ער אַליין

איז

איז אראפגעגאנגען פון וואגען און צוגעגאנגען צום בער און האט זיך אביסעל אויפגעהויבען דאס היטעל פון שטערען איז דער בער באלד אנטלאפען:

דער נאך האט דער רבי געזאגט צו זיינע חסידים, איהר זאלסט נישט מיינען אז איך האב באוויזען א מופת דערמיט וואס דער בער איז פאר מיר אנטלאפען, נייז, דאס איז געווען נאר דערפאר ווייל עס שטייט געשריבען אין דער תורה "ומוראכם וחתכם יהיה על כל חיות הארץ", דאס איז דער טייטש, אז אלע חיות וועלען פאר אייך מורא האבען, און אויב דער מענטש מאכט נישט קאליע דעם צלם אלהים פון זיך דארף ער נישט קיין מורא האבען פאר די חיות:

און דאס איז די טייטש אין דער משנה, "כל שרוח הבריות נוחה הימנו, רוח המקום נוחה הימנו", דאס ווארט "בריות" אין די טייטש באשעפענישען, דאס הייסט אלע מינים חיות, דאס מיינט מען, איטליכער מענטש וואס די חיות זענען פון איהם צופרידען, היינו, זיי טשעפען איהם נישט, איז א בעוויז אז דער אייבערשטער איז פון איהם אויך צופרידען, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

---

# אין דיזע געשיכטע ווערט דערציילט דאס גרויסע התלהבות וואס דער הייליגער רבי ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל האט געהאט ביי דעם דאווענען:

דער הייליגער רבי ר' אורי מסטרעליסק איז אמאהל געווען אין א שטאדט, און ווען ער איז געגאנגען דאווענען האט ער זייער לאנג מאריך געווען ביים דאווענען און האט געדאווענט מיט זייער גרויס התלהבות אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען שטענדיג, נאך דעם דאווענען איז דער רב פון שטאדט צו איהם צוגעגאנגען און איהם געפרעגט וואס איז די מעשה וואס דער רבי האט אזוי לאנג אויפגעהאלטען דעם עולם צוליעב זיין דאווענען, עס איז דאך א טרחא פאר דעם ציבור, האט דען דער רבי נישט קיין מורא פאר טרחא דציבורא, ביי רבי עקיבא'ן געפונען מיר דאך אז ווען ער האט געדאווענט אליין פאר זיך אהן א מנין האט מען איהם איבער

איבער געלאזט אין דעם ווינקעל פון בית המדרש און דערנאך האט מען איהם געפונען אין א אנדער ווינקעל צוליעב זיין גרויס התלהבות, ביי דעם דאווענען פלעגט ער נישט איינשטיין אויף איין ארט, דאס איז אויך נאר געווען ווען ער האט געדאווענט פאר זיך אהן א מנין, אבער דאמאלס ווען ער האט געדאווענט מיט מנין האט ער זייער מקצר געווען צוליעב דער טרחא פון ציבור:

דאס דער הייליגער סטרעליסקער געענטפערט דעם רב, דאס איז דאך באוואוסט אז אונזער רבי ר׳ עקיבא האט געהאט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים, און דאס איז זעלבסטפערשטענדליך אז צווישען אזוי פיהל תלמידים האט זיך זיכער געפונען א מנין תלמידים וואס האבען געווארט אויף זייער רבי׳נס דאווענען, און זיין לאנג מאריך זיין ביים דאווענען איז ביי זיי נישט געווען קיין טרחא, נאר מיט זייער גאנצען ווילען האבען זיי געווארט ביז דער רבי וועט ענדיגען זיין דאווענען, נאר פאר וואס דען האט ער געדארפען מקצר זיין, מוז מען זאגען צוליעב א אנדערען טעם, אז ווען רבי עקיבא האט געדאווענט מיט דעם ציבור, דאס מיינט מען אז דאס ציבור האט געדאווענט מיט די זעלבע כוונות וואס ער, דאמאלס האט ער נישט געדארפען מאריך זיין ביים דאווענען, וויל זיין תפלה איז באלד אנגענומען געווארען, נאר ווען ער האט געדאווענט פאר זיך, דאס מיינט מען אז דאס ציבור האט נישט געדאווענט מיט די זעלבע כוונות וואס דער הייליגער רבי עקיבא, האט ער געמוזט מאריך זיין ביים דאווענען כדי ער זאל מתקן זיין זייערע תפלות אויך:

דער הייליגער רבי ר׳ גרשון פון קאלימיי דערציילט, אז ווען ער איז אמאהל געווען ביים רוזינער ז״ל האט איהם דער רוזינער געפרעגט צו ער איז שוין אמאהל געוועזן ביי צדיקים, האט דער ר׳ גרשון געענטפערט, אז ער איז שוין געווען פיהל מאהל ביי דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ אורי פון סטרעליסק זצ״ל, האט דער רוזינער געבעטען ביי איהם ער זאל איהם דערציילען עפיס א מעשה פון דעם הייליגען סטרעליסקער, האט ער איהם דערציילט, איינמאהל האט דער סטרעליסקער ז״ל מיך אריינגערופען צו זיך אין שטוב פאר דעם דאווענען און ער האט מיר געזאגט איך זאל איהם אויפשרייבען א שער צו א ספר כתב יד, האב איך איהם געענטפערט אז א שער צו שרייבען קאן מען נישט אזוי גיך נאר מען מוז אביסעל קלערען ווי אזוי אויסצושטעלען דעם שער, דעריבער וועל איך דאס טוהן נאך דעם דאווענען, האט דער סטרעליסקער צו מיר געזאגט

בעזאגט, דאס כתב יד איז דאך נישט מיין, און איך גיי יעצט דאוועגען אויף דעם אופן איך זאל מיך מוסר נפש זיין צו השם יתברך, און איך ווייס נישט צו איך וועל צוריק קומען צו מיין הויז, און דער נאך וועט דער עולם מיינען אז דאס כתב יד איז מיינע חידושים, דעריבער פארלאנג איך אז די זאלסט אפשרייבען דעם שער מיט דעם נאמען פון מחבר נאך פאר דעם דאווענען, און ווי דער היילגער רוזינער האט געהערט דיזע מעשה איז ער שטארק נתפעל געווארען פון דעם גרויסקייט פון דעם היילגען סטרעליסקער:

דער היילגער רבי ר' שלמה זצ"ל דעם סטרעליסקער'ס איינציגער זוהן איז נאך זיין פאטער'ס פטירה געוועזעןביים רוזינער זצ"ל, האט דער רוזינער איהם געבעטען ער זאל איהם עפיס דערציילען פון זיין פאטער'ס דרכים, האט ער געענטפערט, איך קאן אייך דערציילען צוויי זאכען פון מיין פאטער, אז ווען ער פלעגט גיין אלע טאג אין דער פריה דאווענען איז ער פריער אריין געגאנגען אין קיך אריין זיך צו געזעגענען מיט דער רביצען און מיט דעם בני בית, ווייל ער האט געזאגט, טאמער וועט ער נסתלק ווערען ביים דאווענען צוליעב זיין גרויס דביקות אין השם יתברך, און נאך האט ער אנגעזאגט זיין בני בית פאר דעם דאווענען, איהר זאלט וויסען אז דא אין קעסטעל ליגט פיהל כתב יד, און די אלע כתבים זענען נישט מיינע נאר פון מיין היילגען רבי'ן ר' שלמה פון קארלין, דעריבער זאל מען נישט מיינען אז די אלע חידושי תורה זענען מיינע, די דאזיגע צוויי זאכען פלעגט ער אלע טאג פאר דעם דאווענען אנזאגען זיין בני בית:

אמאהל האט דער היילגער רבי ר' זיסקינד זצ"ל פון סטרי געשריבען אויף דער היילגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק דעם טיטעל „מורי הגאון מסטרעליסק", האט איהם דער גאון ר' ענזיל זצ"ל דער רב פון סטרי געפרעגט, ווי אזוי שרייבסטו דעם טיטעל גאון אויף אזעלכען וואס ער איז נישט קיין גאון נאר איין רבי און איין צדיק, ווארען דאסווארט „גאון" ווערט נאר גערופען אויף א זעלכען וואס ער איז בקי אומעטום אין לערנען, אבער נישט אויף א רבי'ן, האט איהם דער היילגער רבי ר' זיסקינד געענטפערט מיט דעם לשון: אייך און נאך אזעלכע רופט די וועלט מיט דעם נאמען „גאון", וואס איז דאס אזעלכעס דער טיטעל „גאון", נאר דאס האב איך געהערט פון פיהל מענשטען, אז דאס ווארט „גאון" איז טייטש גרויס, ווייל דיזע מענטשען האבען גרויס געמאכט די

תורה און זי געשטארקט, דעריבער ווערען זיי אנגערופען מיט דעם טיטעל „גאון", צום ביישפיעל, אין דער תורה שטייט „לא תבשל גדי בחלב אמו", ווען דער מלמד לערענט מיט זיינע תלמידים דעם פסוק טייטשט ער זיי אזוי, אז מען טאר נישט קאכען קיין פלייש מיט מילעך צוזאמען, מער זאגט ער זיי נישט, נאר שפעטער ווען דאס יונגעל ווערט גרעסער און ער לערענט שוין גמרא און ער קומט צום פרק „כל הבשר" אין מסכת חולין, דאמאלס ווייסט ער שוין דעם פשט פון דעם פסוק „לא תבשל גדי בחלב אמו", און שפעטער אז ער ווערט נאך גרעסער און ער לערענט שוין יורה דעה, ווייסט שוין דאס יונגעל נאך מיין פשט אויף דעם פסוק, און אזוי ווייטער און ווייטער, וואס מעהר ער לערענט מעהר ווייסט ער דעם פשט פון דעם פסוק, און אזוי איז ביי דער גאנצער תורה, דעריבער איז גאנץ רעכט וואס מען רופט אזעלכע מענטשען מיט דעם נאמען „גאון", ווייל מיט דעם לערנען מאכען זיי גרויס די תורה:

און דאס ווייסט דאך יעדער איינער, אז אין דער תורה שטייט פיהל מאהל די ווערטער „לאהבה את ה'", „ליראה את ה', ולדבקה בו", דאס איז טייטש, מען זאל ליעב האבען גאט, און זיך פארכטען פאר גאט, און זיך באהעפטען אין איהם, און דיזע דריי זאכען, אהבה, יראה, דביקות, דאס איז זייער גרויס, און דאס געפונט זיך נישט ביי אייך און ביי נאך אזעלכע, ווייל ביי דיזע דריי זאכען האט איהר אזא ידיעת אזוי ווי א קינד וואס דער רבי לערענט דערמיט די טייטש פון פסוק „לא תבשל גדי בחלב אמו", וואס ער ווייסט נישט מיין נאר אז מען טאר נישט קאכען פלייש מיט מילעך צוזאמען, אזוי איהר ווייסט אין דיזע ווערטער אויך נישט מעהר נאר די טייטש, אבער פרובט נאר צו רעדען מיט דעם הייליגען צדיק ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל אין דעם ענין פון אהבה און יראה אין דביקות ווסט איהר נבהל ונשתומם ווערען פון זיינע טיפע געדאנקען אין די זאכען, איז דאך ממילא ווערט דערפון די תורה אלע מאהל גרעסער און שטארקער, ווייל דיזע דריי ווערטער געפונען זיך דאך אין דער תורה, דעריבער קומט איהם צו שרייבען דעם טיטעל „גאון", און דער רב ר' ענזיל זצ"ל האט מסכים געווען צו זיינע רייד

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

# אַ ווּנְדֶערְלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגֶען רֶבִּי'ן ר' אוּרִי מִסְטְרֶעלִיסְק זצ"ל:

דֶעם רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק האט זיך אמאהל געמאכט א מכה אויף דער פלייצע ר"ל, האט דער רבי געזאגט צו זיינע חסידים אז ער וויל פאהרען צו א דאקטאר אין א גאנצ שטעדטעל אריין פרעגען וועגען דער מכה, ביי די חסידים איז די זאך געווען א גרויס וואונדער, ווייל זיי האבען געוואוסט אז עס איז חלילה נישט קיין געפערליכע זאך און דער דאקטאר פון זיין אייגענער שטאדט קאן איהם אויך היילען, נאר וואס דען איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען צו פאהרען צו א דאקטאר אין א אנדערע שטאדט אריין, נאר זיי האבען דעם רבי'ן קיין שאלות נישט געפרעגט, מן הסתם ער ווייסט פאהרען דארף מען פאהרען:

דִי חסידים זענען מיט דעם רבי'ן געפאהרען אין א גאהענט שטעדטעל אריין, און ווי דער רבי איז געקומען אין דעם שטעדטעל אריין, זענען צו איהם געקומען אלע שטאדט מענטשען נעמען שלום ווי דער שטייגער איז, און ווען זיי האבען זיך דערוואוסט צוליעב וואס דער רבי איז אהער געקומען, איז זיי אויך געווען א גרויס וואונדער, ווארען די שלאפקייט קאן דער קלענסטער רופא היילען, האט ער זיך דאך געקאנט ביי זיך אין דערהיים היילען, און דורך דעם טאקע ווייל זיי האבען געהאלטען דעם רבי'ן נישט פאר קיין געפערליכען, האבען זיי געטראכטעט אז עס וועט איהם נישט שאטען דאס צו פיהל רעדען מיט איהם, זענען צו איהם געקומען פיהל מענטשען, הן פון זיינע חסידים הן אנדערע מענטשען אפגעבען קוויטלעך דעם רבי'ן ווי דער שטייגער איז:

אִין א דארף נישט ווייט פון דעם שטעדטיל האט געוואהנט א יוד א גרויסער גביר, ער איז אויך געווען פון די סטרעליסקער חסידים, ער האט געהייסען אהרן הכהן, ער האט געהאט אין דעם דארף א שענק מיט בראנפען און ביער, און ער האט געהאט פרנסה בריות, ווייל ער האט א סאך געלייזט, אין א צייט שפעטער האט זיך א גוי אויך געמאכט די זעלבע שענק פונקט קעגען דעם יוד'ס שענק, און דאדורך האט ער ווייניגער געלייזט, ווייל א סאך קונים זענען געגאנגען צום גוי קויפען, און אלע טאג איז ער געווארען ארימער:

אוּן ווי דער יוד דער שענקער האט געהערט אז דער סטרעליסקער רבי אין

איז דאָ אין דעם נאָהענטען שטעדטיל, איז ער אריינגעפּאָהרען אין דעם שטעדטיל צום רבי'ן, האָבען איהם זיינע פריינד געזאָגט, אז ער זאָל בעטען דעם רבי'ן ער זאָל צו איהם ארויספאָהרען אין דאָרף אריין עסען ביי איהם א סעודה, קאָן זיין דאדורך וואָס דער רבי וועט זיין ביי איהם אין הויז און עסען א סעודה וועט איהם דערפון ארויסקומען א גרויסע טובה:

דער דאָרפסמאַן האָט אַזוי געטוהן ווי די חסידים האָבען איהם געהייסען, און ער האָט פארבעטען דעם רבי'ן צו זיך אין דאָרף אריין אויף א סעודה, און דער רבי איז מרוצה געוואָרען און האָט איהם געזאָגט אז מאָרגען וועט ער צו איהם קומען:

דעם אנדערען טאָג האָט דער דאָרפסמאַן אריין געשיקט א בריטשקע מיט פערד צום רבי'ן ער זאָל צו איהם קומען, דער רבי האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער בריטשקע און ער האָט לעבען זיך געזעצט דעם היילינען רבי'ן ר' אליהו וואָס ער איז די לעצטע יאָהרען געוועזען רב אין וויסקיט, און די רעשט הסידים זענען געגאַנגען אין דעם דאָרף אריין צו פיס און זיי האָבען דאָרט געוואַרט ביז דער רבי וועט אָנקומען, און ווי דער רבי איז אָנגעקומען איז ער באַלד אראָפּגעגאַנגען פון וואָגען און אריין געגאַנגען צום יוד אין שטוב אריין, דער יוד האָט באַלד געגרייט צום טיש און געגעבען צו עסען, און ער האָט אַנידער געשטעלט בראָנפען צום טיש, דער רבי האָט געטרינקען צום עולם „לחיים", און בשעת דעם טרינקען לחיים איז דער בעל הבית צוגעגאַנגען צום רבי'ן און האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס עס האָט איהם געטראָפען, אַז דער גוי האָט זיך געמאַכט קריגען איבער אַ שענק, און דאדורך לייזט ער גאָר ווייניג:

דער שטייגער פון סטרעליסקער איז געוועזען, ער פלעגט זאָגען גוטע ווערטלעך, דער פּראָסטער עולם וואָס האָט געהערט זיינע ווערטליך האָבען געמיינט פשוט עס איז אַ הלצה, אָבער די גרעסערע חסידים זיי האָבען געוויסט אַז דער היילינער סטרעליסקער רעדט נישט קיין איין אומזיסט וואָרט, דעריבער האָבען זיי געוויסט אַז אפילו אין זיינע גוטע ווערטליך געפונט זיך פאַרבאָרגענע סודות, און אַזוי ווי דער דאָרפסמאַן איז צוגעגאַנגען צום רבי'ן און איהם דערציילט וועגען דעם גוי וואָס האָט זיך געמאַכט אַ שענק אַ קריגען איבער, האָט דער רבי איהם געענטפערט מיט אַ געלעכטער מיט דעם לשון: זעהט נאָר דעם געלען רמאי נאָך איידער

איידער ער גיט מיר אביסעל בראָנפען וויל ער שוין איך זאָל איהם באצאָהלען, לאָז מיך חאַטש פריער עפּיס פאַרזיכען, דערנאָך האָט זיך דער רבי געוואַשען צום עסען, און בשעת דעם עסען האָט ער נאָך אמאָהל געטריבקען בראָנפען און געזאָגט צום עולם לחיים, דער דאָזיגער בעל הבית איז נאָך אמאָהל צוגעגאַנגען צום רבי'ן און איהם דערציילט וואָס עס האָט איהם געטראָפען, דער רבי האָט איהם ווייטער געענטפערט אין געלעכטער אזוי ווי פריער, און דאָס זעלבע איז געווען שפּעטער נאָך דער סעודה בשעת דעם וויין טרינקען, האָט איהם דער רבי ווייטער געענטפערט דאָס זעלבע, דער דאָרפסמאַן איז געשטאַנען זייער פאַרקלערט ער האָט נישט געוויסט וואָס מען טוט יעצט, אַז דער רבי ענטפערט איהם באַרנישט אויף זיין געבעט:

דער נאָך האָט מען געבענטש און מען האָט שוין צוגעגרייט די בויטשקע צו פאָהרען, און דער בעל הבית איז געשטאַנען און געקוקט דעם רבי'ן אין מויל אריין ער זאָל שוין פון איהם הערען זיבע הייליגע ווערטער, ער זאָל מאַכען אונטער טעניג דעם גוי און איהם משפיע זיין שפע ברכה והצלחה, דער נאָך האָט דער רבי געזאָגט צו זיין פריינד ר' אליהו ז"ל דער רב פון וויסקיט, קום וועלען מיר אביסעל אַרויסגיין, זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, און אין מיטען גיין האָט ער צוגערופען דעם בעל הבית און איהם געפרעגט ווי איז דאָס אָרט פון דעם גוי'ס שענק, האָט ער איהם געוויזען פּונקט קעגען זיין הויז, האָט דער הייליגער רבי ווייטער געענטפערט מיט דעם לשון: זעהט נאָר דעם גאַלען רמאי ווי ער האָט אין זיך אזא העזה און מיר צו זאָגען אַזאַ ליגען אַז קעגען איבער זיין הויז שטייט אַ שענק, און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין פריינד ר' אליהו און איהם געפרעגט, דו זעהסט דאָ אויף דעם אָרט אַ שענק, דער ר' אליהו האָט גאָר נישט בעענטפערט, ווייל אין אמת'ן האָט ער יאָ געזעהן אויף דעם אָרט אַ שענק נאָר ער האָט נישט געוויסט וואָס דער רבי מיינט, דעריבער האָט ער געשוויגען און געוואָלט זעהן דעם סוף פון דער זאַך, פּלוצלונג האָט דער הייליגער סטרעליסקער געזאָגט צום רב ר' אליהו, קום וועלען מיר זיך אויפזעצען אויף דעם וואָגען און מיר וועלען פאָהרען, זיי האָבען אזוי געטוהן און זענען באַלד אַוועק געפאָהרען, דער סטרעליסקער איז צוריק געפאָהרען צו זיך אהיים קיין סטרעליסק, און דעם צווייטען טאָג האָט מען געהערט אַז די דאָזיגע נאַכט איז פאַרברענט געוואָרען דעם גוי'ס הויז מיט דער שענק און עס איז פון

איהם

איהם נישט איבער געבליבען קיין שריד ופליט, און דאס אָרט איז פיהל יאָהר געשטאַנען ליידיג אָהן אַ הויז, דערפון האָבען שוין דער נאָך די חסידים פערשטאַנען וואָס דעם רבי'נס כוונה איז געווען וואָס ער האָט געהייסען מיט זיך פאָהרען אין דעם שטעדטיל אַריין צום דאָקטאָר חאָטש דער דאָקטאָר פון זיין שטאָדט האָט אויך געקאָנט איהם אויסהיילען, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## נאָך אַ וואונדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

דער הייליגער רבי ר' יחיאל מיכל זצ"ל האָט דערציילט, אַז דער חסיד ר' חיים לייב האָט איהם דערציילט, אַז ער איז געווען אַ משמש ביים הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל, און דאָרט ביי דעם סטרעליסקער איז געווען אַ מנהג, אַז שבת צו יעדער סעודה האָט דער משמש געברענגט צוויי פלעשלעך וויין צום בענטשען:

אַמאָהל האָט זיך געטראָפען אַז דער משמש איז געגאַנגען צום שענקער נאָך וויין, און דער שענקער איז געווען אַ מתנגד, ער האָט נישט געגלייבט אין רבי'ן און אין זיינע מופתים, ער האָט אַלסדינג אָפגעלייקענט וואָס מען האָט איהם עפּיס דערציילט פון גרויסקייט פון דעם רבי'ן, איז איהם איינגעפאַלען ער וועט פּריווען דעם רבי'ן צו איז ער באמת אַזוי גרויס ווי מען זאָגט, האָט ער געגעבען דעם משמש צוויי פלעשלעך וויין „יין נסך" און ער האָט געוואָלט זעהן צו איז ער באמת אַ גרויסער מאַן, צו ער וועט וויסען צו דער וויין איז נסך וויין צו נישט, וואָרען אויב ער איז באמת אַ הייליגער מאַן דאַרף ער די זאַך מרגיש צו זיין פאַר'ן טרינקען:

דער משמש האָט גענומען די צוויי פלעשלעך וויין און איז געגאַנגען צום רבי'נס טיש, און אין מיטען וועג האָבען זיך אַרויסגעגליטשט די צוויי פלעשלעך וויין פון זיין האַנד און זענען צובראָכען געוואָרען, דעם משמש איז די זאַך געווען זייער אַ גרויס וואונדער, ווייל איהם האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפען אַ סיבה אַז עס זאָל איהם עפּיס צוברעכען ווערען פון זיין האַנד, יעצט האָט ער אָנגעהויבען צו קלערען וואָס מען

טהוט

טהט, צו זאָל ער צוריק גיין נאָך אנדערע צוויי פלעשלעך וויין, צו זאָל ער גיין דעם רבי'ן זאָגען אז די פלעשלעך וויין זענען צובראָכען געוואָרען, ער האָט זיך מיישב געווען אז עס איז גלייכער צוריק צו גיין צום שענקער נאָך אנדערע צוויי פלעשלעך וויין, וואָרען ביי דער צייט וואָס איך וועל גיין צום רבי'ן זאָגען אז די פלעשלעך זענען צובראָכען געוואָרען און ביז איך וועל צוריק גיין נאָך אנדערען וויין וועט דערווייל דער רבי מוזען וואַרטען, דעריבער איז גלייכער איך זאָל באלד צוריק גיין צום שענקער נאָך אנדערע צוויי פלעשלעך וויין:

דער משמש איז צוריק געגאנגען צום שענקער און האָט צו איהם געזאָגט ער זאָל איהם געבען נאָך צוויי פלעשלעך וויין, ער האָט איהם נישט געוואָלט זאָגען אז יענע צוויי פלעשלעך וויין זענען צובראָכען געוואָרען ווייל עס האָט איהם נישט געפּאסט, וואָרען מען האָט איהם געהאַלטען פאר א פלינקען מענטש, איהם איז קיינמאָהל קיין זאַך נישט צובראָכען געוואָרען, דעריבער האָט ער געזאָגט אז מען דאַרף נאָך צוויי פלעשלעך וויין, דער שענקער האָט זיך פאַרווינדערט און האָט געזאָגט, איך האָב נאָך קיינמאָהל נישט געהערט אז מען זאָל דאַרפען מיין ווי צוויי פלעשלעך צום בענטשען דעריבער זאָג מיר דעם אמת, דער משמש האָט איהם נישט געוואָלט זאָגען דעם אמת אז זיי זענען צובראָכען געוואָרען, דער שענקער האָט איהם שטאַרק געבעטען ער זאָל איהם זאָגען דעם אמת, האָט ער איהם צוליעב געטוהן און האָט איהם דערציילט אז יענע פלעשלעך וויין האָבען זיך איהם אַרויסגעגליטשט פון די הענד און זענען צובראָכען געוואָרען, דאַן האָט איהם דער שענקער דערציילט אז דאָס וואָס זיי זענען צובראָכען געוואָרען איז צוליעב דעם ווייל ער האָט איהם געגעבען יין נסך, און פון דאַמאָלס אָהן איז דער שענקער געוואָרען פון דעם סטרעליסקער'ס חסידים, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## נאָך אַ וואונדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

אַמאָהל איז געקומען אַ חסיד צו דעם רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל ער זאָל איהם בענטשען, דער רבי האָט איהם געבענטשט,

יין

און בשעת ער האט איהם געבענטש האט ער איהם געזאגט מיט דעם לשון: דיזער מענטש דארף האבען א ברכה און איך בענטש איהם:

דער חסיד איז צוריק געפאהרען בשלום צו זיך אהיים, און אין עטליכע טעג ארום איז ער שטארק שלאף געווארען ר"ל ביז ער האט שוין געהאלטען ביי גסיסה, און די חברה קדושה זענען שוין ביי איהם געשטאנען בשעת יציאת נשמה צו זאגען די פסוקים וואס מען דארף זאגען ביי א בר מינן ר"ל, פלוצלונג האט מען געזעהן אז ער האט זיך אויפגעחאפט און דאס פנים האט איהם זייער געלויכטען, און אין עטליכע מינוט ארום איז ער שוין געווען אין גאנצען געזונד אזוי ווי פריהער, און ער איז אראפגעגאנגען פון בעט:

די מענטשען וואס זענען ביי איהם געשטאנען האבען זיך זייער פארווינדערט, ווארען זיי האבען נאך קיינמאהל אזא זאך נישט געזעהן, זיי האבען איהם געפרעגט וואס איז מיט איהם געשעהן, האט ער זיי געענטפערט מיט דעם לשון:

בשעת איך בין געווען א גוסס ר"ל האט זיך מיר געדאכט אז איך שטיי פאר דעם בית דין של מעלה צום משפט, און אזוי ווי איך שטיי אזוי צווישען דער פמליא של מעלה האב איך דערפיהלט ווי א מענטש קומט אונטער מיר און נעמט מיך ארום מיט זיינע ארעמ'ס און זאגט צו דער פמליא של מעלה, דיזער מענטש איז מיין און איהר זאלט איהם גאר נישט טוהן, די פמליא של מעלה האבען מיך באלד איבער געגעבען צו דיזען מענטש, דער נאך האב איך מיך אויסגעדרייט צו זעהן ווער דער איז וואס האלט מיך, האב איך געזעהן אז דאס איז דער רבי ר' אורי מסטרעליסק ז"ל, און דאמאלס האט זיך מיר געדאכטען אז ער לייגט מיך צוריק אויף דעם בעט, און אין דער זעלבער רגע וואס דער רבי האט מיך צוריק געלייגט אויף דעם בעט האב איך באלד געעפענט די אויגען און דאס פנים האט מיר אנגעהויבען צו לייכטען, און איך בין אין גאנצען געזונד געווארען, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## נאך א וואונדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

דער גרויסער חסיד און גביר ר' מאיר'ל פון שעדליץ איז אמאהל געפאהרען

געפאָהרען קײן לײפּציג נאָך סחורה, איז איהם אויסגעקומען צו זײן צוריק צווועגס אין דער שטאָדט סטרעליסק, האָט ער זײער געוואָלט זײן בײם הײליגער רבי'ן פון סטרעליסק, וואָרען ער האָט געהערט אויף איהם זאָגען אַז ער איז אַ גרויסער צדיק אַז ער ווײסט כמעט נישט קײן צורה פון געלד, און ווי דער דאָזיגער גביר איז אַרײנגעקומען צום הײליגען רבי'ן פון סטרעליסק, האָט דער רבי מיט איהם אָנגעהויבען צו שמועסען ווענען חסידות, האָט דער רבי געזעהן אַז ער איז פיהל אָנגעזאַפּט מיט חסידות און ער איז אַ גרויסער בעל מדריגה, דער נאָך האָט איהם דער הײליגער רבי געפרעגט וואָס ער טהוט דאָ, און פון וואַנען ער פאָהרט, און ווי אַהין ער פאָהרט, האָט דער גביר געענטפערט, אַז ער פאָהרט יעצט מיט זײן סחורה צוריק פון לײפּציג צו זיך אַהײם, נאָר דורכפאָהרענדיג האָב איך אָבגעטרעטען בײם הײליגען רבי'ן צו זעהן זײן התנהגות:

דער רבי האָט זיך זײער שטאַרק אָנגעהויבען צו פאַרווינדער'ן אויף דעם דאָזיגען גביר און האָט צו איהם געזאָגט, עס ווינדערט מיך זײער אויף אײך אַז אַזאַ בעל מדריגה ווי איהר זענט זאָלט גאָר עוסק זײן אין מסחר, וואָלט דען נישט גלײכער געווען אַז איהר זאָלט אַוועק לײגען דעם האַנדעל און זיך בעסער נעמען צום לערנען, וואָרען צו וואָס טויג אײך געלד דאָס געלד האָט נישט קײן שום ווערט וואָס מען זאָל צוליעב דעם געלד אַוועק לײגען די תורה, און דאָס איז דאָך נאָר אַ נאַרישקײט פון אײך אַז אַזאַ מענטש ווי איהר זענט זאָל פערבײטען דאָס געלד פאַר דער תורה, און נאָך אַ זעלכע רײד האָט ער מיט איהם גערעדט אַלץ ווענען דעם אַז דאָס געלד איז גאָר נישט ווערט:

דער דאָזיגער חסיד און גביר ר' מאיר'ל ז"ל האָט אויסגעהערט זײנע רײד און ער האָט געשוויגען, ער האָט גאָר נישט געענטפערט דעם רבי'ן אויף זײנע רײד, וואָרען ער האָט נישט געוויסט וואָס צו ענטפערן אויף דיזע רײד, און ער האָט זיך געזעגענט מיט דעם רבי'ן און ער איז אַהײם געפאָהרען:

אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך בײ דעם גביר געטראָפען אַ גניבה, עס האָבען זיך אַרײן געחאַפּט גנבים צו איהם און האָבען בײ איהם צוגע'גנב'עט די גאַנצע סחורה מען האָט איהם כמעט נישט איבער געלאָזט קײן אײן שטיקעל סחורה און ער איז געוואָרען אײן אָרימאַן און ער האָט נישט געדענקט דעם סטרעליסקער'ס רײד, וואָרען אַזעלכע רײד וואָס בײזען נישט אַרײן אַ מענטש אין האַרץ דאָס ווערט באַלד פאַרגעסען,

דעריבער האט ער שוין געהאט אין גאנצען פארגעסען די רייד פון הייליגען רבי'ן פון סטרעליסק, ער האט זיך שוין נישט געקאנט קיין שום עצה געבען, ער האט אנגעהויבען צו קלערען וואס מען טהוט, האט ער זיך מיישב געווען אריין צו פאהרען צום הייליגען רבי'ן ר' בונם פון פרשיסחא ער זאל איהם דערציילען אלעס וואס האט איהם געטראפען, ווארען ער פלעגט שטענדיג פאהרען קיין פרשיסחא צום רבי'ן ר' בונם:

דער דאזיגער ר' מאיר'ל איז געקומען קיין פרשיסחא, איז ער באלד אריין געגאנגען צום רבי'ן זייער פארוויינט און מיט גרויס עגמת נפש, און ער האט דערציילט דעם רבי'ן זיין אומגליק וואס עס האט איהם געטראפען, אז ער איז פלוצלונג געווארען איין ארימאן, דער רבי ר' בונם האט איהם אנגעהויבען אויסצופרעגען ווי אזוי זיין נסיעה איז געווען, און דורך וועלכע שטעדט ער איז דורך געפאהרען ווען ער איז געפאהרען קיין לייפציג, און דורך וועלכע שטעדט ער איז געפאהרען צוריקפאהרענדיג פון לייפציג מיט דער סחורה, און דער ר' מאיר'ל האט איהם אנגעהויבען צו דערציילען ווי אזוי זיין נסיעה איז געווען פאהרענדיג קיין לייפציג און צוריקפאהרענדיג פון לייפציג, און דערווייל האט ער איהם געזאגט אז ער איז געווען אין סטרעליסק, האט איהם דער רבי ר' בונם געפרעגט צו ער איז דארט געווען ביים רבי'ן ר' אורי ז"ל, האט ער געענטפערט יא, האט דער רבי איהם געפרעגט וואס ער האט געטהון ביים רבי'ן פון סטרעליסק און וואס האט מיט איהם דער רבי גערעדט, האט ער איהם דערציילט די אלע רייד וואס דער סטרעליסקער האט מיט איהם גערעדט, אז אזא מענטש ווי איך דארף נישט אין זינען האבען קיין געלד צו פארדינען נאר צו זיצען און לערנען:

ווי דער רבי ר' בונם האט אויסגעהערט זיינע רייד האט ער געגעבען א פאטש מיט דער האנד אויף דער צווייטער און האט געזאגט צו ר' מאיר'ל ווער האט דיך געהייסען פאהרען קיין סטרעליסק צום רבי'ן, האסט דו דען נישט געוויסט אז דער סטרעליסקער ווייסט נישט קיין צורה פון געלד, און ביי איהם איז געלד קיין שום חשיבות נישט, און דורך דעם וואס דו ביסט ביי איהם געווען און ער האט אין דיר דערקענט וואס פאר א מענטש די ביסט, איז איהם די זאך זייער נישט געפעלען, אז אזא מענטש ווי דו זאל אוועק לייגען דאס לערנען און זיך נעמען צום מסחר, דעריבער האט ער געבעטען מען זאל פון דיר אוועק נעמען דיין סחורה אין גאנצען כדי דו זאלסט דיך נעמען צום לערנען, דאן האט

הערשט

הערשט דער ר' מאיר'ל פארשטאנען די רייד פון סטרעליסקער וואס ער האט מיט איהם גערעדט, און דער רבי ר' בונם האט איהם געבענטשט מיט עשירות און ער איז צוריק רייך געווארען אזוי ווי פריהער זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

# נאך א וואונדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

אמאהל איז דער רבי ר' זעליג געזעסען ביי דעם סטרעליסקער בשעת דער רבי איז נאך געלעגען אין בעט און געשלאפען, און ער האט געווארט ביז דער רבי וועט זיך אויפוואכען פון שלאף, דערווייל איז אריינגעקומען א חסיד צום רבי'ן און ער האט געברענגט א מתנה פאר דעם רבי'נס וועגען, די מתנה איז געווען א קארדענץ מיט אלערליי כלים וואס דאס שטעלט מען אנידער אויף דעם טיש בשעת א סעודה, און ווייל דער דאזיגער חסיד האט געקויפט צוויי קארדענצען איינס פאר זיינעט וועגען און דאס אנדערע פאר דעם רבי'נס וועגען, דעריבער האט ער געברענגט ביידע קארדענצען צום רבי'ן דער רבי זאל זיך אויסקלויבען וועלכע קארדענץ ער וויל, און אין אמת'ן האט דער דאזיגער חסיד בגלל בשעת דעם קויפען געוויסט וועלכע ער קויפט פאר זיינעט וועגען און וועלכע ער קויפט פאר דעם רבי'נס וועגען, ער האט דעם ר' זעליגען אויך געזאגט וועלכע ער האט געקויפט פאר דעם רבי'נס וועגען, באר פונדעסטוועגען האט ער ביי זיך געטראכט, איך וויל עקסטרע זעהן וועלכע קארדענץ דער רבי וועט זיך אויסקלויבען, ער האט זיי אנידער געשטעלט אויף דעם טיש און ער האט אנגעזאגט דעם ר' זעליג וואס ער האט דא געווארט ביז דער רבי וועט זיך אויפוואכען פון שלאף, און ווען דער רבי וועט זיך אויפוואכען זאל ער איהם פארשטעלען די זאך מיט די קארדענצען און ער זאל זיך אויסקלויבען וועלכע ער וויל:

עס איז אזוי געווען, בשעת דער רבי איז אויפגעשטאנען פון שלאף האט איהם ר' זעליג דערציילט אז א חסיד האט דא געברענגט א מתנה פאר דעם רבי'נס וועגען א קארדענץ נאר ווייל ער האט געקויפט צוויי קארדענצען פאר זיינעט וועגען אויך איינע, דעריבער האט ער איבערגעלאזט

ביידע קארדענצען אז דער רבי זאָל זיך אויסקלויבען וועלכע ער וויל, דער רבי האָט זיך גענומען פונקט די קאָרדענץ וואָס ער האָט טאַקע געקויפט פאַר דעם רבי'נס וועגען, דעם ר' זעליגען איז די זאך געווען א גרויס ווינדער:

דער רבי האָט געזעהן אז ר' זעליג ווינדערט זיך זייער אויף דעם וואָס ער האָט פונקט געטראָפען צו דער קאָרדענץ וואָס דער חסיד האָט געקויפט פאַר דעם רבי'נס וועגען, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט, זאָלסט נישט מיינען אז איך האָב אין מיר רוח הקודש דעריבער האָב איך געטראָפען צו דער קאָרדענץ ביין, דאָס איז נישט קיין רוח הקודש נאָר איך וועל דיר דערציילען א מעשה וואָס עס האָט זיך מיר שוין פון לאַנג געטראָפען:

איך בין אמאָהל געווען ביי מיין ברודער אויף א חתונה ווען ער האָט חתונה געמאַכט זיין זוהן מיט א גרויסען גביר'ס א טאָכטער, און ווען איך בין געווען אויף דער חתונה האָט מיין ברודער מיר געוויזען די טייערע מלבושים וואָס דער מחותן האָט אָנגעגרייט פאַר דער כלה'ס וועגען, און צווישען די מלבושים איז געוועהן איין מלבוש וואָס עס איז געווען אין גאַנצען געוועבט פון גאָלד און באַזעצט מיט ברילאַנטען, און ווען ער האָט מיר געוואָלט ווייזען דאָס מלבוש האָב איך מיך אָפגעריקט, איך האָב נישט געקאָנט צו גיין נאָהענט צום מלבוש, איך האָב געזאָגט אז דאָס מלבוש האָט זייער א שלעכטען ריח, דער ברודער מיינער האָט פון מיר זייער געלאַכט, און ווי איך האָב געזעהן אז ער לאַכט פון מיר האָב איך איהם געוואָלט ווייזען דעם אמת אז עס איז אזוי ווי איך זאָג כדי ער זאָל מעהר נישט לאַכען פון מיר, האָב איך באַלד געהייסען שיקען רופען זיין מחותן דעם גביר און איך האָב ביי איהם געפרעגט ווי ער האָט גענומען אזא טייער מלבוש, האָט דער גביר מיר דערציילט אז דאָס מלבוש האָט ער געקריגען א געשאַנק פון א גרויסען פריץ דערפאַר וואָס ער האָט געגעבען דעם פריץ צו פאַרדינען צוועלף טויזענד רענדליך וואָס דאָס געלד איז געשטאַנען איין יוד צו פאַרדינען, דערנאָך האָב איך געזאָגט צו מיין ברודער, אָבער יעצט זעהסט די שוין פאַר וואָס איך האָב נישט געקאָנט צו גיין צום מלבוש ווייל עס האָט א שלעכטען ריח, דער ברודער מיינער האָט זיך זייער פאַרווינדערט אויף דעם:

און יעצט זעהסט דו אז דאָס איז נישט קיין רוח הקודש, נאָר דער מענטש וואָס איז געהיטען פון גניבה און גזילה איז אז עס קומט צו

צו איהם אזא זאך וואס זי איז צוליעב גניבה אדער גזילה, איז די זאך פארמיאוסט אין זיינע אויגען, דעריבער בשעת איך בין מיר געגאנגען אויסקליבען א קארדענץ איז די קארדענץ וואס דער חסיד האט געהאט געקויפט פאר זיינעט וועגען איז פארמיאוסט געווען האב איך געמוזט נעמען די צווייטע, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

---

## נאך א וואונדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

דעם סטרעליסקער'ס רבי'נס משמש האט אמאהל דערציילט וואס ער אליין האט געזעהן מיט זיינע אויגען ביים סטרעליסקער ז"ל, אייננמאהל איז ער געווען ביים רבי'ן אין מיטען דער נאכט און דער רבי איז געזעסען און געלערענט מיט גרויס התמדה און איז געווען זייער פארקלערט ביים לערנען, און דאס ליכט האט שוין געהאלטען ביים אויסגיין, און דער רבי האט פונקט געהאלטען אין מיטען ענין, האט ער נישט געקאנט אוועק לייגען דאס לערנען, האט ער געזאגט צום משמש ער זאל אריין גיין אין דער צווייטער שטוב זוכען א ליכט אנצוצינדען, און וויל די רביצען איז דארט געשלאפען האט ער נישט גוט געזוכט, בעוויל ער האט מורא געהאט ער זאל נאך אויפוועקען די רביצען מיט דעם זוכען, דעריבער האט ער נישט געפונען קיין ליכט, דערוויל האט ער דורך געקוקט דורך דעם לאך פון שליסעל פון דער טיער האט ער געזעהן אז דאס ליכט איז שוין אין גאנצען פארלאשען געווארען און דער רבי זיצט אין דער פינצטער, האט ער זייער מורא געהאט אריין צו גיין צום רבי'ן אהן א ליכט דעריבער האט ער זיך פארזאמט אין דער צווייטער שטוב א לאנגע צייט כדי דער רבי זאל מיינען אז ער זוכט נאך, און מיין האט שוין נישט דורך געקוקט דורך דעם לאך פון דער טיער צו זעהן וואס דער רבי טוהט:

פלוצלונג האט ער געגעבען א קוק האט ער געזעהן אז אין שטוב ביים רבי'ן איז ליכטיג געווארען און דער רבי זיצט ווייטער ביי דער גמרא פארטיעפט ביים לערנען אזוי ווי פריהער, און צוליעב דעם גרויסען פחד וואס ער האט געקריגען האט ער נישט געוויסט וואס צו טוהן

טוהן און איז אזוי געבליבען שטיין אויף דעם ארט אן א שוב ותנועה, דער נאך ווען ער האט זיך שוין אביסעל בארוהיגט און איז געקומען צו זיך, איז ער נאך אמאהל צוגעגאנגען צו דער טיער זעהן וואס דער רבי טוהט, האט ער געזעהן אז אויף דער גאנצער שטיב איז פינסטער נאר אויף דעם ארט ווי דער רבי זיצט און לערענט איז ליכטיג, און דער רבי איז אזוי געזעסען און געלערענט מיט גרויס החמדה ביז עס איז טאג געווארען:

ווען עס איז טאג געווארען איז דער רבי ארויסגעגאנגען און דער משמש איז געווען זייער נייגעריג צו וויסען וואס דא איז אזוינס געווען וואס עס איז ביינאכט ליכטיג געווען, דערווייל האט ער דערזעהן אויף דער טיש ליגען א קליין ספר וואס דער רבי האט דערינען פריהער אריין געקוקט, און ער האט געוויסט אז פריהער איידער ער איז געגאנגען זוכען א ליכט איז דאס ספר נישט געלעגען אויף דער טיש, ער האט גיך גענומען דאס ספר אין דער האנט אריין צו קוקען וואס דאס איז, כדי דער רבי זאל איהם טרעפען אריין קוקען אין ספר, האט ער געזען אז דאס ספר איז פיהל מיט הייליגע שמות, דאמאלס האט ער הערשט פארשטאנען אז דער רבי האט מיט דיזע הייליגע שמות געמאכט ליכטיג זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## נאך א וואונדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי'ן ר' אורי מסטרעליסק זצ"ל:

דער גרויסער חסיד ר' צבי הירש פון פארצעווי פלעגט זיין ביי פיהל צדיקים, אויך איז ער דארט געווען א שליח צבור, אמאהל איז דער ר' צבי הירש געווען אין סטרעליסק ביים הייליגען רבי'ן ר' אורי, איז ער צוגעגאנגען שבת צום עמוד מקבל שבת זיין, און ווען ער האט געהאלטען ביי „מזמור לדוד הבו לה' בני אלים", האט ער אנגעהויבען צו זאגען מיט א הויך קול ווי דער שטייגער איז, האט זיך איהם פלוצלונג געלאזט בלוט פון דער נאז אזוי ווי זיין געוואהנהייט איז געווען שטענדיג ווען ער פלעגט אנהייבען צו שרייען אויפ'ן הויכען קול האט זיך איהם באלד געלאזט דאס בלוט, נאר שטענדיג פלעגט איהם רינען נאר אביסעל בלוט

בלוט און עס האָט באַלד אויפגעהערט, נאָר דאָס מאָהל איז איהם געבליבן אזוי פיהל בלוט אַז עֶס איז נישט מיגליך געווען איינצוהאַלטען דאָס בלוט, עֶר האָט געהאַט גרויס עגמת נפש דערפון:

נָאָר דעֶרווייל ביי דעֶר צייט וואָס דער עולם האָט בעזאָגט דעֶם „מזמור לדוד כו׳", האָט עֶר דעֶרווייל אַרויסגענומען אַ פּאַרטשיילע פון קעֶשענעֶ און זיך צוגעהאַלטעֶן די נאָז, נאָר עס האָט גאָר נישט געהאָלפען עֶר האָט געזעהן אַז דאָס בלוט רינט אלעֶ מאָהל מיין, און דאָ דארף ער נאָך אַמאָל געֶבען אַ געֶשריי „הבו לה׳ כבוד ועוז", און אַזוי אַלע פּסוקים וואָס דעֶר חזן זאָגט מיט אַ הויך קול וועט דאָך דאָס בלוט נאָך מעהר רינען און וואָס טהוט מען זיך פאַר אַ עצה, איז איהם אין זער רגע איינגעפאַלען ער זאָל וויזעֶן דעם רבי׳ן זיין אומגליק, נאָר ער האָט אָבער נישט געֶקאָנט צו גיין צום רבי׳ן ווייל דער עמוד איז געווען ווייט פון דעֶם אָרט ווי דער רבי איז געשטאַנען, נאָר דעם רבי׳נס זוהן ר׳ שלמה ער איז געשטאַנען נאָהענט פון דעם חזן, האָט ער איהם בעזאָגט ער זאָל צו גיין צום רבי׳ן און איהם זאָגען פון זיין אומגליק, דער רבי ר׳ שלמה האָט אזוי געטוהן, ער איז תיכף צוגעגאַנגען צום פאָטער צום הייליגען סטרעֶליסקער און איהם דערציילט פון דעם אומגליק פון דעם חזן, און אין דער זעלבער רגע האָט דאָס בלוט אויפגעהערט צו רינען:

נָאָך האָט דְער ר׳ צבי הירש פון פאַרצעֶווי דערציילט, אַז ער אין דער הייליגער צדיק ר׳ ברוך ז״ל פון סטיצין זעֶנעֶן אַמאָהל געקומען קיין סטרעליסק צום הייליגען רבי׳ן ר׳ אורי זצ״ל פריהער פלעגען זיי פאָהרען צום הייליגען רבי׳ן ר׳ יוסעֶלע טאָרצינער זצ״ל, נאָר נאָך זיין פטירה זענען זיי געפאָהרען קיין סטרעליסק, און ביי סטרעליסקער איז געווען אַ מנהג אַז זיינע תלמידים פלעגען זיצען באַלד אין ערשטען חדר אַזוי ווי מען איז אַריינגעקומען און דאָרט לערנען, און ווען עס פלעגט קומען אַ חסיד דאָס ערשטע מאָהל צום רבי׳ן האָבען די תלמידים איהם נישט געלאָזט אַריין גיין צום רבי׳ן ביז זיי האָבען איהם פריהער געגרובט מיט זיבען פריוו:

אוּן ווי די צוויי חסידים זענען אַריין געקומען צום רבי׳ן אין שטוב האָבען דעם רבי׳נס תלמידים אָנגעהויבעֶן זיי אויסצופריווען מיט די זיבען פריוו, פלוצלונג האָט דער הייליגער רבי געעפענט די טיער און איז צו זיי אַריין געגאַנגען, האָט ער פאַרשטאַנען אַז זיינע תלמידים האָבען זיי אויך גענומען צום פאַרהער האָט דער הייליגער סטרעליסקער געזאָגט

צו זיינע תלמידים, מיט דיזע צוויי מענטשען טשעפעט נישט ווייל זיי קומען פון א גוט חדר, פון ר׳ יוסעלע טארצינער, איהר דארפט זיי שוין נישט פריווען און דער רבי איז מיט זיי באלד אריין געגאנגען אין צוויטע חדר אריין, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

---

## נאך א ווינדערליכע געשיכטע פון הייליגען רבי׳ן ר׳ אורי מסטרעליסק זצ״ל:

אמאהל האט זיך געטראפען ביים סטרעליסקער מען איז צו איהם געקומען שפעט ביינאכט אנקלאפען וועגען א געווינערין וואס איז געגאנגען שווער צו קינד, דער משמש האט געעפענט די טיער און מען איז אריין געגאנגען צום רבי׳ן, און ווי מען איז צוגעגאנגען צום רבי׳נס בעט האט מען געזעהן אז דער רבי שלאפט, נאר ווייל עס האט געהאלטען ביי סכנת נפשות האט מען דעם רבי׳ן אויפגעוועקט פון שלאף, און מען האט אנגעהויבען זייער שטארק צו וויינען פאר איהם ער זאל מתפלל זיין אז די געווינערען זאל האבען גרינג דאס קינד, דער רבי האט זיך תיכף אויפגעהויבען און זיך געוואשען די הענד און געזאגט ברכת התורה און האט זיך אנידער געזעצט אויף זיין שטוהל און גענומען א גמרא און זיך געזעצט לערנען, און ער האט געלערענט א שווערע קשיא פון תוספות און ער האט נישט געלערענט דעם תירוץ וואס תוספות ענטפערט נאר ער האט מיט זיין אייגענעם פארשטאנד פארענטפערט א תירוץ, די מענטשען וואס זענען געקומען צום רבי׳ן האבען נישט פארשטאנען די גאנצע זאך, זיי האבען גערעכענט אז דער רבי וועט מתפלל זיין פאר דער געווינערען און צום סוף האט ער זיך אנידער געזעצט לערנען, זיי האבען נית געהאט די העזה צו צוגיין איבער פרעגען דעם רבי׳ן וואס ער טהוט, האבען זיי געבעטען די מענטשען וואס זענען דעמאלט געוועזען ביים רבי׳ן אז זיי זאלען איהם בעטען אז ער זאל מתפלל זיין פאר דער געווינערען, בעווייל עס האלט ביי סכנת נפשות, זיי האבען די זאך צווייעב געטוהן, בעווייל זיי האבען גערעכענט אז איבער א שלאפען ווי עס האלט ביי סכנת נפשות מעג מען מחלל שבת זיין, און דא איז דאך סכנת נפשות פאר צוויי מענטשען פאר די געווינערין און פאר דעם קינד מעגען זיי

א וודאי

# אור עולם

א וודאי איבער פרעגען דעם רבי'ן, און ווי זיי האבען געזאגט דעם רבי'ן אז עס האלט ביי סכנת נפשות האט ער זיך תיכף אויפגעשטעלט פון זיין שטול און ער האט מתפלל געוועזן צו השם יתברך מיט דעם לשון: רבונו של עולם, אין דעם זכות וואס איך האב יעצט פארענטפערט די קשיא פון דעם תוספות, אזוי זאלסטו גיך אין באלד העלפען דער געווינערין אז זי זאל אויפגעבינדען ווערען און זי זאל האבען גיך און באלד דאס קינד, און עס איז אזוי געוועזן, אין דער זעלבער רגע האט די געווינערין געהאט דאס קינד, מען איז תיכף געלאפען זאגען דעם רבי'ן די בשורה, פון דעמאלט אן האבען די מענטשען פון סטרעליסק געזעהן ווי גרוי'ס דער סטרעליסקער רבי איז, זיין זכות זאל אונז ביישטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען און זעהן ווי אונזער בית המקדש וועט אויפגעבויעט ווערען במהרה בימינו אמן